# אין ליכט פון תורה

## ספורי צדיקים

## וואונדערליכע מעשיות

### פון בעל-שם-טוב

### אונד פון אנדערע גרויסע צדיקים.

פיעל מעשיות פון דעם ספר זיינען קיין מאל נים געווען געדרוקט, און פיל ספורים האבען מיר איבערזעטצט פון אלטע מאנוסקריפטען און היילגע ספרים.

פון דיא ספורים וועלען אלע לעזער זעהען וויא ריכטיג אונזערע חכמים זאגען: „גדולים מעשה צדיקים יותר ממעשה שמים וארץ" (כתובות ח').


הוצאת „אמונה פאבלישינג"

142 RODNEY STREET

BROOKLYN, N. Y. 11211


23

כל הזכויות שמורות אצל
הוצאת אמונה
© Copyright 1969 by
M. G. & J. G.

EMUNA PUBLISHING
142 Rodney Street
Brooklyn, N.Y. 11211
388-8812 — 384-0002

# ספורי צדיקים

## א) דיא הייליגע געדאנקען.

אונזערע הייליגע חכמים זאגען: **ראות הקב"ה שצדיקים מועטין עמד ושתלן בכל דור ודור** (יומא ל"ח.) דאס הייסט: גאט ברוך הוא האט געזעהען דאס צדיקים זיינען פאראן ווייניג, האט ער זייא איינגעטהיילט, זייא זאלין ניט געבארין ווערין אויף איין מאל, נור ביסלעכווייז, כדי יעדער צדיק זאל מגין זיין מיט זיין זכות אויף דעם גאנצען דור:

נור א צדיק צוא א צדיק איז ניט גלייך. עס זיינען פאראן צדיקים גאנץ גרויסע, מיטעלע, אונ קליינע, דאס ווענדעט זיך אויך אן דור:

איינער פון דיא גראסטע צדיקים איז געוועזען רבי ישראל דער בעל שם טוב (בעש"ט), אין פיעל דורות צייט איז אזא גרויסער צדיק ניט געוועזען, קיין מענש האט ניט בכח אויסצושרייבען ריכטיג זיין גרויסקייט, זיין נשמה איז געוועזען נאר פון אויבען אן, דיא גאונים וואס זיינען געוועזען מקורב צוא איהם, האבען איהם ניט משיג געוועזען, אנדערע האבען געזאגט: זיין נשמה איז פון דעם ארט וואו אלע הנאים זיינען גענומען געווארען, אונ אנדערע האבען איהם ארויף געהויבען נאך העכער, אז ביז דעם ארט פון אונזערע הייליגע נביאים:

כדי זיך צוא מאכען א בעגריף וויא גרויס דער הייליגער מאן איז געוועזען, קענען מיר עטוואס וויסען פון דעם וכוח וואס ער האט אמאל געהאט מיט א רב. דער רב האט איהם געפרעגט עטליכע שאלות, האט איהם רבי ישראל בעש"ט געענטפערט דיא תשובה:

„דוא רב זאלסט וויסען: דאס מיין פאטער עליו השלום איז געוועזען א גרויסער מופלג אונ א תמים, ער האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע מדות טובות, אז איך בין געוועזען א קליין קינד, בין איך געוועזען זייער שטארק באהעפט צוא מיין פאטער דעם צדיק תמים, דיא מדה פון „תמים" האב איך ביי איהם גילערינט:

איך געדיינק (אזויא וויא דאס וואלט היינט פאסירט). דאס פאר זיין שטארבען האט ער מיר צוגערופען צוא זיין בעט אונ האט צוא מיר געזאגט דוא זאלסט וויסען, מיין קינד, אונ קיין מאל ניט פארגעסען, אז גאט איז מיט דיר, דעם וויכטיגען ענין זאלסט דוא אלע מאל טראכטען אונ נוט געדיינקען אין יעדען ארט, אונ אלע רגע, דוא זאלסט אבער זיך מיהע געבען קיין מענשען ניט ענטדעקען דיא זאך, דוא זאלסט זיך פאר זייא ציינען איינפאך אזויא וויא דוא ווייסט פון קיין זאך ניט:

דעם פאטערס נוטע, קלוגע, אונ ריכטיגע לעהרע, האב איך שטארק

געדיינקט, נאך זיין הסתלקות פלעג איך ארום געהען אליין אין דיא וועלדער אונ פעלדער טראכטענדיג אונ קלעהרענדיג דעם הייליגען ענין, אז גאט ברוך הוא איז פול אויף דער גאנצער וועלט (מלא כל הארץ כבודו) אונ ער איז מיט מיר, ער פארלאזט מיך ניט אפילו איין זעקונדע. איך האב געוואלט דינען גאט אז קיין מענש זאל פון מיר וויסען, האב איך אויף זיך מקבל געווען צוא ווערען א באהעלפער ביי א מלמד, איך האב מיט דיא חדר קינדער געלייענט קריאת שמע, מיט זייא געבענשט נאכען עססען, געענטפערט מיט זייא, „ברוך הוא וברוך שמו" „אמן" נאך יעדער ברכה, דאס איז געווען א גרויסער מיטעל איך זאל צייט האבען מכוון צוא זיין דאס וואס איך האב געוואלט מכוון זיין, נאכדעם בין איך געווארען א שומר אונ א שמש אין א בית המדרש, האב איך ביי נאכט געקאנט טהאן וואס מיין פאטער עליו השלום האט מיר באפוילען צו טהאן, נאכדעם אז עס איז געקומען דיא צייט וואס איך האב געברויכט חתונה האבען, האב איך גענומען דיא שוועסטער פון הרב ר' גרשון קוטעבער, מיר האבען געוואהנט אין א קליינע שטיבעל צווישען צווייא הויכע בערג, איך פלעג אנגראבען ליים אונ אוועק פיהרען אין שטאדט פארקויפען, דערפון האבען מיר זיך מפרנס געווען, נאכדעם האבען מיר געדונגען א דירה אין א דארף ניט ווייט פון א וואלד, אין וואלד האב איך געהאט א קליינע שטיבעל פאר זיך, דאס גראסטע טהייל צייט פארברענגען דארט, אז איך פלעג קומען אהיים אין דארף האב איך געטהאן הויזליכע ארבייט, אויפנעהמען געסט, זייא געבען עססען, טרינקען אונ זייא בעדינען:

אין אלגאנצע צייט ארום האב איך ערלערענט פיעל פון נגלה אונ נסתר, נור ניט דאס איז ביי מיר געווען דער עיקר, איך האב געוואלט בעקומען הייליגע געדאנקען, אונ דיא גרויסע כוונה וואס מיין פאטער ע"ה האט מיר געזאגט, דער פאר האב איך מיך בענוצט מיט מיין לערנען, דאווענען, אונ אלע מיינע מעשים צוא דעם צוועק, מש"ג צוא זיין דעם גרויסען טהייערען תכלית:

אונזערע הייליגע חכמים זאגען בדרך שאדם רוצה לילך בה מוליכין אותו (מכות יוד) דאס הייסט: אין וואס פאר א וועג א מענש וויל געהן, פיהרט מען איהם, איך האב יעדער שעה געפיהלט אז איך ווער געהאלפען צוא געפינען דאס וואס איך זוך אונ פערלאנג, איך בין זוכה צוא זעהען אונ צוא הערען גרויסע וואונדערליכע זאכען וואס זיינען שרעקליך, אויף יעדען טריט אונ שריט האב איך געזעהען דיא נאטהייט איז ענטדעקט פאר דעם מענשען וואס האט א קלוגע הארץ צוא זעהן דעם אמת, אין יעדען ווארט וואס איך האב געהערט, אונ אין יעדער זאך וואס איך האב געטהאן, האב איך געפילט אז דאס איז אלעם השגחה פרטית, אז אזויא וויל מען אויבען אין הימעל, אן דעם ווילען פון גאט טהוט זיך קיין זאך ניט, אפילו א ווארט וואס דער מענש רעדט

ארוים

ארוים פון זיין מויל, אדער יעדער ארבייט וואס ער טהוט קען מען זעהען די גאטליכקייט״:

## ב) ערשטער משל.

דעם גאנצען וכוח זיינען מיר יעצט ניט אים שטאנד אויס צוא שרייבען, ווייל ער איז צוא גרוים אונ צוא לאנג, דארום וועלען מיר יעצט ערצעהלען זיינע משלים וואס ער האט געזאגט זיינע תלמידים, יעדער תלמיד האט ער גיזאגט אנאנדער נמשל נאך זיין שכל, דער ערשטער משל: אקעניג האט אמאל געוואלט וויסען וויא ווייט אונ וויא שטארק די אמונה איז פון זיינע ווייטע אונטער טהאנער אויב זייא זיינען איהם געטרייא מיט זייער גאנצען הערצען, האט ער באפוילען זיינעם אגעטרייען דינער ער זאל נעהמען פיעל סאלדאטין מיט זיך אונ גיין אין יענע ווייטע מדינה ער זאל דארטין די איינוואנער זאגען דאס ער וויל מאכען אמרידה מלחמה האלטען מיט דעם קעניג, צונעמען זיין מלוכה, אונ ער זאל זייא בעטען תיכף, זייא זאלען איהם העלפען מלחמת האלטען מיט דעם קעניג:

אויב יענע מענשען וועלען דיר אריינזעטצען אין געפענגענים, אונ מיר קעניג בעטען אז איך זאל דיר משפט'ן דערפאר, איז אסימן אז זייא זיינען געטרייא דעם קעניג, אונ ווען עס וועלען זיך געפינען בייא זייא א זעלכע מענשען וואס זייא וועלען דיר באלד בעפרייען, זייא וועלען זאגען אז דאס קאן ניט זיין אנ'אמת וואס דוא זאגסט אז דוא ווערסט מלחמה האלטען מיט אזא גוטען בארעמהערציגען קייזר דאס איז נור אפראבע צוא וויסען אויב מיר זיינען געטרייע דעם קעניג, די מענשען זיינען חכמים, זייא האבען זוכה געווען צוא פארשטיין דעם קעניגס כונה וואס ער האט געוואלט וויסען:

דער נמשל דערפון: ווען דער יצר הרע, אדער שלעכטע מענשען רייהען אן אמענשען צוא זינדיגען ער זאל מורד זיין געגען דעם קעניג פון דער וועלט. ער זאל ניט פאלגען וואס גאט האט געבאטען, אדער ער זאל חלילה ניט גלויבען אין גאט, דענסטמאל די פראסטע מענשען האלטין מלחמת געגען דעם יצר הרע, אבער די יחידי סגולה ערקאנען באלד אז זייא זיינען שלוחים פון גאט וואס ער פרובירט זייא דערמיט:

## ג) דער צווייטער משל.

עס איז פאראן אמענש וואס ער זעהט דאס אגנב איז געקומען צוא איהם גנבנען, פאנגט ער אן צוא שרייען „גוואלד״! אנטלויפט דער גנב, דאס איז אסימן אז דער בעל הבית איז אשרעקעדיגער, ער איז א שוואכער מאן, ניט אזויא טוט דער וואס איז אהעלד ער פארלאזט זיך אויף זיין כח

אז

אז ער וועט קענען בעזיגען דעם גנב, וואס טהוט אזא גבור? ער לאזט דעם גנב אריינגעהען אין שטוב אונ ער ווארט ער זאל נעהמען איינעם א חפץ, בעפאלט ער איהם פלוטצלונג ער בינדט איהם זיינע הענד אונ פיס אונ ער גיט איהם איבער צום געריכט, דורכדעם ווערט ער פון איהם ניצול אויף ווייטער אויך:

דער נמשל דערפון: עס איז פאראן א צדיק, וויא ער שפירט אז דער יצר הרע איז געקומען צוא איהם אנריידען צוא טהאן אן עבירה, לאזט ער איהם ניט צוא גיין צוא איהם, ער טרייבט איהם באלד אוועק פון זיך, ער וויל איהם גאר ניט אנקוקען, אונ עס איז פאראן א צדיק וואס ער מאכט זיך כלומרשט וויא ער וואלט פאלגען דעם יצר הרע, נאכדעם פאנגט ער איהם אין זיין האנד ער דריקט איהם אונטער זיך, אונ דורכדעם איז ער מהפך אלע מדות רעות ומגונות צום גוטען. —.

## ד) דער דריטער משל.

א דארפסמאן האט אמאל מורד געווען אן דעם קעניג, ער האט צוריסען דעם קעניגס בילד, וואס האט געטהאן דער קעניג? ער האט דעם מורד געטהאן אגרויסע טובה, נאכדעם נאך אנדערע, אונ גאר אגרויסע וואס גרעסער קאן שוין ניט זיין:

וואס גרעסער דער קעניג האט איהם געמאכט, האט דער דארפסמאן מעהר פארדרוס געהאט וואס ער האט מורד געווען אן אזויא אגוטען בארעמהערציגען קעניג:

דער נמשל דערפון: דער פסוק זאגט אל נקמות הופיע (תהלים צ״ד, א׳) צוליב דיא נקמה ערשיינט גאט, ער ווייזט דעם זינדיגען זיין גרויסקייט, זיין עהרע:

## ו) דער פינפטער משל.

אַקעניג האט אַמאל געשיקט זיין זאהן אין אַווייטע לאַנד וואס דער לופט איז דארטען ניט גוט, נור דיא זאכע איז געווען זייער געטהיג וואס ער האט געמוזט דארטען פאהרען אין דיא שליחות פון דעם קעניג:

דער קעניג האט איהם מיטגעגעבען אַגוטען בגד וואס ער זאל אָנציהען אויף זיך בעת ער וועט זיין אין גאס:

דיא ליכטיגקייט פון יענער מדינה פלעגט אָפטמאל אין געוויסע צייטען מזיק זיין אמענשען, מאכען אַ מום (פעהלער) אין זיין קערפער אונ אַז ער פלעגט אָנציהען אבגד האט מען אויף דעם בגד געזעהען דעם זעלבינגען פעהלער וואס ער האט געהאט אויף זיין גוף, דערפון האט מען געברויכט זיך שטארק היטען:

דער נמשל דערפון: דער בן מלך איז דער מענש, דער בגד - דיא נשמה, דאס לאַנד - דיא וועלט:

## ז) דער זעקסטער משל.

עס זיינען געווען צווייא מענשען וואס האבען געאַרבייט דיא ערד, (פעלד ארבייטער) איינער האט פיל תבואה פארזייט אין דער ערד אונ ער איז געווען דערמיט זייער פרייליך, ער האט ניט געאַרבייט, ער איז אַרומגעגאַנגען שפאצירען. געגעסען אונ געטרונקען, געזונגען געטאַנצט, פארבראַכט דיא צייט אויף פוסטע זאַכען, אָבער דער צווייטער האט פארזייט ווייניג תבואה, נור ער האט גערערבייא פיל געאַרבייט, ער האט געהאלטען אין איין ריינינגען דיא פעלד אויסגעריסען דיא דערנער. א. ז. וו.

דער נמשל דערפון: ווער עס האט אַהאַרץ צוא פארשטיין אונ אויגען צוא זעהען אַכטונג צוא געבען אויף זיינע מעשים קאן ער האבען גרוים שכר ווען אפילו זיין קאפ איז ניט אַזויא גרוים וויא יענעמ'ס:

## ח) דער זיבעטער משל.

צוא יעדען שלאס איז פאראן אשליסעל, עס טרעפט אמאל אז איינער פארשליסט אטייערע זאך, אונ אז ער ברויכט נייטיג דיא זאך ווערט דיא שליסעל קאליע ער קאן מיט איר ניט עפענען דעם שלאס, האט ער קיין אנדער מיטעל ניט שיידען אפרייסען דעם שלאס כדי ער זאל קענען נעהמען דעם חפץ וואס ער ברויכט:

דער נמשל דערפון: יעדע גוטע מדה אונ יעדע גוטע מעשה זיינען וויא פארשלאסען עס איז שווער זייא צוא בעקומען. דארף מען דעם שלאס צוא ברעכען, דען באמת וואס פאר אווערט האט דער שלאס גענען דעם טייערין חפץ וואס ליגט פאר שלאסען. אונ דאס הויפט וואס עס איז זייער נייטיג צום געברויך.

## ט) דער אכטער משל:

אמאל האבען מוזעקאנטען געשפילט אונ דאס פובליקע וואס זיינען געקומען הערען האבען געטאנצט. געשפרונגען זיך געקעהרט פון אלע זייטען וויא דער טאקט איז געוועזען פון דיא מוזיקע, זייא האבען זיך זייער פרייליך געמאכט.

ניט וויט פון דיא מוזיקאנטען איז געשטאנען אגעבארענער טויבער ער איז אפילו געוועזען זייער אקלוגער מענש. נור דאך האט ער ניט פארשטאנען דיא אורזאכע וואס ער זעהט אמין וואונדער: וויא דיא מוזיקאנטען נעהמען זייערע שטרומענטען צום מויל אונ אנדערע מאכען מיט דיא הענד הין אונ צוריק (פידעל שפילען) אזויא פאנגט אן דאס פובליקע זיך צוא שפרינגען מיט דיא פיס, דרייען זיך הין אונ הער:

דיא אורזאכע פון זיין וואונדער איז, ווייל איהם פעלט דיא הרגשה פון שפילען, אונ דעם נייעם גייסט וואס דיא מוזיק בלאזט אריין אין דיא הערצער פון דיא צוהערער:

דער נמשל דערפון: דער שוטה וואס פילט ניט דיא הייליקייט פון דער תורה אונ דיא גרויסע מעלות פון מקיים זיין דיא מצות, בייא איהם איז דאס מעגליך - פרעגט ער - אז דורך תורה אונ מעשים טובים זאל דיא גאנצע נאטור פארענדערט ווערען אזויא וויט, אז דיא גאנצע מעשי בראשית זאל זיין אונטערטעהניג צוא דיא מענשען וואס זיינען מקיים דיא תורה אונ מצות זייא זאלען באפאלען אויף דיא נאטור עס זאל גיין רעגען, אונ נאך אזעלכע זאכען, אבער דער מענש וואס האט אקלוגע הארץ, אויגען צוא זען אונ אויערין צו הערען דיא סודות התורה, וואונדערט זיך דארויף גאר ניט:

## י) דער ניינטער משל.

עס איז אמאל געוועזען אקעניג וואס בייא איהם אין פאלאץ איז געוועזען

אמוזיקאנט

אמוזיקאנט, וואס פלעגט שפילען פאר דעם קעניג:

דער מוזיקאנט האט געהאט איין נגון וואס דער קעניג האט זייער ליב געהאט צוא הערען, ער האט שטענדיג געבעטען דעם מוזיקאנט דאס ער זאל פאר אים שפילען דעם זעלביגען נגון. אונ אז דער קעניג האט באמערקט דאס דער מוזיקאנט שפילט שוין דעם נגון אהן חשק ווייל ער האט אים שוין צופיל מאל געשפילט, האט דער קעניג יעדען טאג געלאדען נייע געסט צוא זיך. כדי דורך זייא זאל דער מוזיקאנט בעקומען מעהר חשק צוא שפילען דעם נגון, דען דער שטייגער איז, פאר פרישע מענשען וואס האבין נאך ניט געהערט דער ניגון, שפילט זיך בעסער, מיט מעהר געפיל אונ מעהר מוט:

אז דער קעניג האט געזעהען דאס דער מוזיקאנט קאן שוין אלע געסט אונ נייע אורחים איז שוין ניטא, האט דער קעניג געפונען אמיטעל דאס דער מוזיקאנט זאל ניט זעהען וועלכע געסט עס קומען. וועט ער מיינען אז נייע געסט זיינען געקומען וועט דער חשק פון שפילען דעם נגון ניט אבגעקיהלט ווערען:

דער נמשל דערפון: ווער עס איז מחדש אמתע חידושים אין דער תורה אונ עבודה, אונ נאט ברוך הוא כביכול האט דערפון פערגעניגען, ער האט אקורת רוח פון יענעמס תורה, עבודה אונ פון זיין נייעם דרך, אונ אז הקב"ה זעהט דאס דיא קדושה ווערט בייא דעם צדיק אבגעקילט מחמת אלטקייט, שיקט ער צוא איהם גרויסע מענשען פארנעהמע לייט, כדי ער זאל פאר זייא מגלה (ענטדעקען) זיין דיא נייע תורה וואס גאט האט איהם געהאלפען מחדש צו זיין, אונ דורך זייא איז ער זיך פון דאס נייא מקרב צוא זיין עבודה, ווייל דאס איז דער דרך פון דיא משפיעים*) נתפעל צוא ווערען פון דאס נייא דורך דיא פערשידענע מקבלים, נאכדעם פארבלענדעט גאט זיינע אויגען ער זאל מיינען אויף דיא אלטע "מקבלים" דאס זייא זיינען נייע מענשען, כדי דיא התעוררות זיינע זאל זיך פון דאס נייא אפפרישען, (וויא עס הייזט אויס האט ער דעם משל מיט דעם נמשל געוואגט אויף זיך):

## יא) דער צענטער משל.

אגרויסער קעניג האט אמאל געבויט אגרויסען פאלאץ, אינעווייניג פיל חדרים, איינער אין דעם אנדערען, ער האט דעם פאלאץ ארומגערינגעלט מיט פיל מחיצות איינע אין דיא אנדערע, נור איין טהיר האט ער געלאזען אפפען, געגען איהם זיינען געווען פיעל טהירען, וואס מען האט געקאנט זען דורך זייא דיא הילדער אונ דיא שיינע טהייערע מעבעל וואס געפינען זיך דארטען, דער קעניג האט געהאט אבעזונדערען צימער צוא זיטצען. דער

צימער

*) משפיעים ווערען גערופען דיא צדיקים וואס זאגען דיא נייע סודות התורה אונ "מקבלים" דיא וואס הערען דיא סודות:

צימער איז געוועז וייט פון דיא מענשען וואס האבען בעדארפט קומען אין פאלאץ :

אז דער פאלאץ איז פערטיג געווארען, האט דער קעניג געשיקט רופען אלע שרי המלוכה אונ דיא גרעסטע מענשען פון זיין מדינה, ער האט פון זיא פערלאנגט דאס זייא זאלען קומען זעהען דעם פאלאץ אריינגיין אין איהם ביידען מיט דעם קעניג :

אז דיא אלע געסט זיינען גיקומען צום פאלאץ, האט זיך פארמאכט דער טהיער אונ דיא טהירען האבען זיך פארשלאסען :

דיא געסט האבען איינער אויף דעם אנדערען געקוקט אונ זיך געוואונדערט – וויא איז דאס מעגליך – האבען זייא געזאגט – אריינצוגעהען אין פאלאץ ביידען מיט דעם קעניג אז ער איז מיט אזויא פיל מחיצות ארומגעצוימט:

דיא געסט האבען אנגעפאנגען גוט צוא קוקען אונ צוא בעטראכטען, זייא האבען גור גיזעהען אמויער, אמחיצה ארום אמחיצה :

אלאנגע צייט זייען זייא געשטאנען אונ האבען זיך זייער שטארק געוואונדערט, פלוצלינג איז געקומען צוא זייא דעם קעניגס זאהן, – איהר זאלט וויסען – האט ער צוא זייא געזאגט – אז מיין פאטער איז אגרויסער חכם, אונ ער האט אגרויסע קראפט אין „אחיזת עינים" אונ דער גאנצער פאלאץ איז נור אפארבלענדעניש עס איז באמת גאר נישט פאראן. ניט קיין מויער ניט קיין מחיצה, ניט קיין טהיער אונ ניט קיין טהירען, דאס אלץ דוכט זיך נור אייך, אייך דוכט זיך אז איהר זעהט אמויער מיט מחיצות. טירען אונ טויערין. אבער באמת איז אלס אפפען איהר קאנט אריינגעהען גאר אהן מיה צוא מיין פאטער ביידען מיט איהם. אט איז מיין פאטער, דער גרויסער קלוגער קעניג :

אז זייא האבען דערזעהען דעם קעניג אונ גערעדט מיט איהם האבען זייא דענסטמאל געזעהען אונ פארשטאנען זייער טעות וואס זייא האבען פריער גיהאט :

דער נמשל דערפון : אלע וועלטען אונ אלעס וואס אין זייא געפינט זיך, אלץ וואס מיר זעהען מיט דיא אויגען אונ פילען אונ פארשטייען אונ אונז דוכט זיך אז זייא זיינען אזעלכע זאכען, חוץ גאט, זייא זיינען פון איהם אפגעשיידעט, זיינען באמת ניט אזויא, דיא גאטהייט איז מיט זייא, אונ דאס איז אלץ צוזאמען מיט גאט, זייא עקסעסטירען נור דורך זיין ווארט אונ זיין ווילען, ער אונ זייא איז איין זאך, נור גאט האט זיך פארבארגען כביכול ער האט זיך פארקליידעט אין פיעל פערשידענע קליידער, אונ דורך זייא איז ער פארבארגען פון דיא אויגען זיינע באשעפעניש, זייא (דיא מענשען) זעהען יעדער זאך וויא דאס וואלט געוועז אמחיצה, אנייזערנע וואנד צווישען גאט אונ זייא. אט דאס איז דיא גבורה פון דעם וועלט באשעפער ער איז פארהוילען אין דיא ערטער וואו ער איז אפפענבאר, אונ ער איז אפפענבאר אין די ערטער וואו ער איז פארבארגען :

## יב) דער עלפטער משל.

אקעניג האט גענאט אגרויסין אוצר, פיעל גאלד זילבער אונ טהייערע שטיינער זיינען דארטין געווען. ער האט פיער שרים אויפגינומען זייא זאלען היטען דעם אוצר. אבער דיא שרים זיינען געווען ניט גיטרייא דעם קעניג זייא האבען צוגענומען דעם גאנצין אוצר אונ זייא זיינען אנטלאפען:

איין שר פון דיא פיר שרים האט באלד חרטה געהאט. עס האט איהם פארדראסען פאר וואס ער האט געזינדיגט געגען דעם קעניג האט ער באלד צוריק געקעהרט צוא דעם קעניג, ער האט זיך מודה געווען אויף זיין פארברעכען אונ מחילה געבעטען. דער צווייטער שר האט געטראפען איינעם פון זיינע בעקאנטע, יענער איז געווען אגרויסער חכם אונ זיינער אגוטער פריינד, ער האט געוואוסט וויא דער שר האט געגען קעניג גיזינדיגט האט ער איהם אניעצה געגעבען דאס ער זאל צוריקעהרען אהיים צום קעניג וועט ער מתקן זיין דעם חטא, דער שר האט איהם געפאלגט אונ אזויא געטהאן:

דער דריטער שר איז געקומען אין אווייטע לאנד וואס דארטען האט אויך דיא וועלבינע זאך געטראפען, יענער א שר האט אויך בעגנבת דעם אוצר המלך אונ איז אנטלאפען, אבער יענער קעניג האט געשיקט שלוחים איהם חאפען זייא האבען איהם געחאפט אונ געבראכט צום קעניג ער איז בעשטראפט געווארען מיט גרויסע יסורים, וויא דער שר האט דאס גיזעהען, האט ער מורא געהאט פילייכט וועט מען איהם אויך חאפען, איז ער בעסער אליין געפארין אהיים, אונ האט דעם קעניג מחילה גיבעטין, דער פערטער שר האט ניט געוואלט חרטה האבען, ער איז געווען אגרויסער עקשן:

דעם ערשטען שר וואס ער האט אליין תשובה געטהאן, האט דער קעניג איהם געגעבען גרויסע טהייערע מתנות, אונ ער איז געבליבען א שר וויא ער איז פריער געווען:

דעם צווייטען שר האט דער קעניג צוגענומען אבער ניט פריינדליך, אונ דעם דריטען שר האט דער קעניג בעשטימט אשטעלע אויף יענעם ארט וואו ער האט געזעהען דיא שטראף פון יענעם שר וואס האט אויך גיזינדיגט וויא ער:

דעם נמשל דערפון דארפען מיר ניט ערקלעהרען, דאס וועט יעדער מענש אליין פארשטעהן מיר קענען נור זאגען אז דעם משל פון דריטען שר האט ער געזאגט אויף זיך אליין...

## יג) דער צוועלפטער משל.

ווען אמענש טרינקט זיך אין אגרויסען שטראמיגען טיפען טייך, מאכט ער פערשידינע תנועות זיך צוא רעטען פון טויט, ער ווינקט צוא דיא מענשען וואס שטייען בייא דעם ברעג טייך זייא זאלען איהם ראטעווען, ווען איינער וועט

שטיין אונ לאָבען פון זיינע מְשׁוּנהדיגע תְּנוּעוֹת איז אַסִימָן דאס ער איז אַנ'אַכְזָר אָדער אַשׁוֹטֶה אַנאַר...

דער נִמְשָׁל דערפון: ווען איינער דאווענד מיט כַּוָּנָה נור מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת זיינען איהם בַּלְבֵּל, מאכט ער מְשׁוּנה'דיגע תְּנוּעוֹת כְּדֵי ער זאָל קענען זיך ראטעווען פון דיא קְלִיפּוֹת וואס רינגלען איהם ארום, אונ ער זאל קענען מְכַוֵּן זיין וואס ער וויל מְכַוֵּן זיין אין זיין תְּפִלָּה, דארף פון איהם קיינער ניט לאכען, שפּאָטען:

## יד) דער דרייצעהנטער מָשָׁל.

אַמענש וואס האט אויף זיין לעבען ניט פארזוכט קיין מאל איינעם פון דיא מַאֲכָלִים וואס אלע מענשען עסען דעם מַאֲכָל, וועט קיין מענש ניט קענען געבין איהם צוא פארשטיין ריכטיג וואס פאר אַטַעַם דער מַאֲכָל האט, אונ נאָך אלע פֵּרוּשִׁים אונ בֵּאוּרִים, וועט ער אַלְץ ניט וויסען ריכטיג דעם געשמאק פון דעם מַאֲכָל:

דער נִמְשָׁל דערפון: דער מענש וואס האט קיין מאל ניט פארזוכט דעם טַעַם פון אַהֲבַת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, אונ זיין יִרְאָה אונ ניט דעם טַעַם פון דְבֵקוּת אונ הִתְקַשְּׁרוּת אָן גאָט, אונ ניט אלע עִנְיָנִים פון עֲבוֹדָה פון טיפען הארצען, קאן קיינער איהם ניט ערקלעהרען דיא עִנְיָנִים ניט מיטען מויל אונ ניט בִּכְתָב, ער מוז דאס אליין וויסען אט וויא דאס איז אונ דאס איז דער עִנְיָן פון בְּחִינַת נִסְתָּר אין דער תּוֹרָה, אבער ניט וויא אנדערע רופין „נִסְתָּר" דיא חָכְמַת הַקַּבָּלָה, דאס איז פאלש ווייל אלע קַבָּלָה סְפָרִים זיינען אָפען פאר יעדען מענשען וואס וויל אין זייא לערנען, אונ אויב דערפאר רופין זייא דיא קַבָּלָה סְפָרִים מיט דעם נאמען נִסְתָּר ווייל זייא פארשטעהען ניט צוא לערנען אין זייא. איז דאָך דיא זעלביגע זאך ווען איינער קאן ניט לערנען תנ"ך, אָדער דיא תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה (גמרא) וועט ער דאס אויך רופען נִסְתָּר:

מיט דעם נאמען „נִסְתָּר" קאנען מיר רופען נור דיא דְבֵקוּת אָן בּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ:

## טו) מַעֲשֶׂה אונ מַחֲשָׁבָה.

רַבִּי יִשְׂרָאֵל בעש"ט פלעגט האלטען דיא מַחֲשָׁבָה (געדאנקען) זייער טהייער. ער האט שטענדיג געזאגט, דער מענש דארף פארבינדען דיא מַעֲשֶׂה וואס ער טהוט מיט זיין מַחֲשָׁבָה, נור ער דארף אָבּשיידען אַטלעכטע פרעמדע מַחֲשָׁבָה פון אנוטע:

אַמָאל איז גֶעוועֶן צַייטֶען וואס רַבִּי יִשְׂרָאֵל הָאט גֶעדִינְט גָאט דוּרְךְ פַּייניגֶען זַיין גוּף, עֶר פְלֶעגְט פַאסְטֶען, ווייגֶען, נָאכְדֶעם איז עֶר גֶעקוּמֶען צוּא דִיא אִידֶעֶע טָאהְן פַארְקֶעהְרְט. הַנָאָה הָאבֶען פוּן דֶער וֶועלְט. ווייל דֶער גוּף איז אַקְלֵיין וֶועלְטִ'ל וואס גָאט הָאט דָאס בַּאשַׁאפֶען, אוּנ אַוֶועק גֶעגֶעבֶען דֶעם מֶענְשִׁין אַלֶעם מַתָּנָה, כְּדֵי עֶר זָאל דִינֶען גָאט מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה:

דֶער לֶעבֶען פוּן דֶער וֶועלְט איז אַבֶּעזוּנְדֶערֶער תַּכְלִית. דֶערְפַאר וֶוען דֶער מֶענְשׁ לֶעבְּט פְרֵיילִיךְ, עֶרְפִילְט עֶר דֶערְמִיט דֶעם רָצוֹן פוּן זַיין בּוֹרֵא, אוּנ דָאס איז דִיא עֶרְשְׁטֶע אוּנ דִיא גְרֶעסְטֶע עֲבוֹדָה פוּן דֶעם מֶענְשֶׁען, וואס עֶר איז נוּר אַיין רֶעדֶעלֶע פוּן דִיא אַלְגֶעמֵיינֶע בֶּעשַׁאפֶענֶע קֵייט, נוּר אַזוֹיא ווִיא דֶער מֶענְשׁ איז אַנוֹיסְגֶעצֵייכֶענְטֶע רֶעדֶעלֶע מִיט זַיין שֵׂכֶל אוּנ פֶערְשְׁטַאנְד, דֶער פַאר דַארְף עֶר לֶעבֶען מִיט אַגֶעוִויסֶען תַּכְלִית אוּנ מִיט אַגוּטִין עֶרְהַאבֶּענֶעם צִיעל:

בֶּאֱמֶת איז נִיט דֶער מֶענְשׁ אַלֵיין דֶער אֵיינְצִיגֶער וואס דִינְט זַיין בַּאשֶׁעפֶער, דִיא עֲבוֹדָה איז נוּר אַבֶּעצָאהְלוּנְג פַאר דִיא זַאכֶע וואס צוּא לִיבּ דֶעם איז עֶר בַּאשַׁאפֶען גֶעווָארֶען, דַארוּם אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישֶׁע אוֹיסֶער דֶעם מֶענְשֶׁען דִינֶען אוֹיךְ גָאט. יֶעדֶער נָאךְ זַיין שֵׂכֶל אוּנ גֶעדַאנְקֶען וואס גָאט הָאט זֵייא גֶעגֶעבִּין, אֲפִילוּ אַוֶוערֶעמֶעל דִינְט אוֹיךְ גָאט ווִיא ווַייט זִיא קָאן בֶּעגְרַייפֶען מִיט אִיר שֵׂכֶל וואס גָאט הָאט אִיהר אַרַיינְגֶעגֶעבֶען:

וֶוער עֶס זָאגְט אַז דִיא וֶועלְט איז גָאר נִישְׁט, הָאט עֶר אַטָעוּת, בֶּאֱמֶת איז דִיא וֶועלְט זֶעהְר אַטְהַייעֶרֶע אוּנ אַגוּטֶע וֶועלְט. פַאר דֶעם מֶענְשֶׁען וואס פַארְשְׁטֵייט ווִיא אִיהר צוּא בֶּענוּצֶען...

זַיין נַייעֶם סִיסְטֶעם צוּא דִינֶען גָאט דוּרְךְ פְרֵייהְלִיכְקַייט הָאט עֶר גִילֶערִינְט יֶעדֶען מֶענְשֶׁען וואס הָאט גֶעגְלוֹיבְּט אִין זַיינֶע רֵייד:

## טז) דֶער יֵצֶר הָרַע.

רַבִּי יִשְׂרָאֵל בעש"ט פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגֶען, דֶער יֵצֶר הָרַע פַארְבִּינְדֶעט אוּנ פַארְבְּלֶענְדֶעט זַייעֶר אָפְט דִיא אוֹיגֶען פוּן אַמֶענְשֶׁען. עֶר זָאל זִיךְ הַאלְטֶען פַאר אַצַדִיק גָמוּר דוּרְךְ דֶעם וואס עֶר לֶערֶענְט שְׁטֶענְדִיג אוּנ דַאוֶוענְד אוּנ פַּייניגְט זִיךְ, הַגַם עֶר ווֵייס נִיט דֶעם עִנְיָן פוּן דְבֵקוּת אָן גָאט וואס דָאס איז, אוּנ עֶר הָאט קֵיין מָאל נִיט טוֹעֵם גֶעוועֶן פוּן דִיא אֱמֶת'עֶ אֱמוּנָה ווִיא עֶס דַארְף זַיין, אוּנ דֶער עִיקָר עֲבוֹדָה איז פֶרֶעמְד לְגַמְרֵי פוּן אִיהם, אָט פַאר אַזָא מֶענְשִׁין איז כִּמְעַט קֵיין תַּקָנָה פַארַאן, עֶר קָאן קֵיין רְפוּאָה צוּא זַיין מַכָּה נִיט הָאבֶען, ווַייל עֶר הַאלְט זִיךְ אַלֵיין פַאר אַצַדִיק גָמוּר אוּנ אַזוֹיא רֶעכֶענֶען אִיהם אַלֶע וואס קֶענֶען אִיהם, דַארוּם וֶועט אִיהם קֵיינֶער נִיט מְעוֹרֵר זַיין צוּא תְּשׁוּבָה אוּנ עֶר וֶועט קֵיין מָאהל נִיט פַארְשְׁטֵיין וואס איז דֶער עִנְיָן פוּן לֶערְנֶען. דַאוֶונֶען, אוּנ טָאן דִיא מִצְוֹת ווִיא גָאט פַארְלַאנְגְט.

אז דער מענש פאסט אפילו אגאנצע וואך פון שבת ביז שבת אונ ער גלויבט דאס ער טוט דערמיט אגרויסע זאך, אזא תענית האט קיין ווערט ניט, דורך אזא פאסטען וועט דער נפש ניט ריינער ווערען:

אז אמענש וויל פאסטען, ער פילט אז דאס איז גוט פאר זיין נפש, דאן ער ווייסט דאס דער פאסטען ברייננט צוא עצבות, אונ דינען גאט מיט שמחה איז בעסער אונ אנגענעהמער, פון דעסט וועגען זאל ער טאן דאס וואס ער וויל:

אין דיא צייטען פון רבי ישראל בעש"ט איז געווען איינער וואס האט זיך געפייניגט דורך פאסטען, אונ נאך אנדערע יסורים כדי ער זאל בעקומען רוח הקודש, האט דער בעש"ט אויף איהם געזאגט דיא ווערטער: אין עולם התמורות לאכט מען פון איהם:

אין דער צייט וואס דער מענש דאווענד, דארף ער זיין אויסגעטהאן פון גשמיות. אזויא ווייט אז ער זאל ניט פילען פון זיך אז ער איז פאראן אויף דער וועלט, דען וויא באלד ער רעכענט זיך פאר א זאך וואס עס עקסיסטירט, קאן זיין אז אין דער צייט וואס ער איז מתפלל איז ניט ער, ניט זיין עבודה אונ ניט זיין תפלה ווערט גערעכענט פאר גאט, אונ פיל מחשבות זרות קומען אונ זייגען מבלבל זיין כונה:

דער מענש וואס ער טוט זאל ער ניט זוכען קיין איבעריגע זאכען, ער זאל זיך ניט צופיל מדקדק זיין, דען דאס איז איינע פון דעם יצר הרע'ס פלענער צוא מאכען אשרעק אויף דעם מענשען איהם זאל זיך דוכטען אז ער איז קיין מאל ניט יוצא זיין פליכט. אונ ווען אפילו ער איז נכשל געווארען חלילה מיט אנ'עבירה זאל עס ניט צופיל טרויערין, נור ער זאל חרטה האבען מיט אנאמת אויף דיא עבירה וואס ער האט געטאן אונ ער זאל אויף זיך מקבל זיין מיט אנ'אמתע קבלה דאס ער וועט נאך אמאל ניט טאן דיא עבירה, אונ ער זאל זיך פרייליכערהייט פארלאזען אויף גאט וואס ער ווייסט אלץ וואס דער מענש טראכט אונ קלערט, ווייסט ער דאס ער וויל טהון וואס בעסער איז, נור ער קאן ניט. דארום ווען דער מענש ווייסט אפילו געוויס דאס ער האט אזאך גיטאן ניט וויא מען דארף טאן געגען גאט, מחמת ער האט געהאט פיל מניעות. זאל ער ניט זיין טרויעריג, ווייל דיא עצבות שטערט דעם מענשען פון צוא דינען גאט:

## יז) דיא הייליגע תפלה.

רבי ישראל בעש"ט פלעגט דאווענען מיט גרויס דבקות. עס האט געטראפען אז ער איז אזויא שטארק מתפעל געווארען אז ער איז געפאלען אהן קרעפטען. ער האט דענסטמאל קיין זאך ניט געפילט, עס איז אויף איהם ניט געווען צוא זעהען קיין לעבענסצייכען, ער האט זיך אין גאנצען פארלארען אונ אפטמאל איז געווען פארקעהרט: ער פלעגט זיך ווארפען הין אונ הער, זיך פרייסלען, שאקלען, מאכען העויות אונ משונה'דיגע תנועות:

– אַמָאל – הָאט עֶר גֶעזָאגְט – קָאן דֶער מֶענְשׁ דַאווֶנֶען מִיט גְרוֹיס אַהֲבַת אוּנ יִרְאָה, הִתְלַהֲבוּת אוּנ דְבֵקוּת אָהְן אַשׁוּם תְּנוּעָה, עֶס זָאל גָאר נִיט זַיין קֶענְטִיג אַז עֶר דַאוֶוענְד. אַזַא תְּפִלָּה, אִיז מֶעהר חָשׁוּב אוּנ בֶּעווֶילִינְט פַאר דִיא תְּפִלַּת וָואס וֶוערְט גֶעזֶעהֶען אוֹיף דִיא אוֹיסֶערְלִיכֶע גְלִידֶער, וַוייל דִיא קְלִיפָּה קָאן זִיךְ נִיט בַּאהֶעפְטֶען צוּא אַזַא תְּפִלָּה וָואס זִיא אִיז אִין גַאנְצֶען אִינֶערְלִיךְ:

## יח) אַלֶערְלֵייא אוֹפַנִים.

רַבִּי יִשְׂרָאֵל בעש״ט הָאט אוֹיסְגֶעטְרָאטֶען אַנַייעֶ וֶועג אִין עֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא, עֶר הָאט גֶעלֶערֶענְט מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּנ עֶר הָאט זֵייא עֶרְקְלֶעהְרְט דָאס הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ ווִיל אַז מֶענְשֶׁען זָאלֶען אִיהְם דִינֶען, אוֹיף אַלֶערְלֵייא אוֹפַנִים, לְמָשָׁל: עֶס טְרֶעפְט דָאס אַמֶענְשׁ פַארְבְּרֵיינְגְט רֶעדְט מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְשֶׁען דָאס וָואס עֶר הָאט נֵייטְהִיג צוּא רֵיידֶען, אִין יֶענֶער צַייט קָאן עֶר נִיט לֶערְנֶען, דַארְף עֶר דֶענְסְטְמָאל דִינֶען נָאט מִיט זַיין אִינֶערְלִיכֶע הַארְץ, עֶר דַארְף זַיין דָבוּק אָן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ:

אָדֶער אַז דֶער מֶענְשׁ גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג אוּנ עֶר קָאן נִיט דַאוְוֶנֶען אוּנ נִיט לֶערְנֶען ווִיא זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז צוּא הוֹיז, עֶר מוּז נָאט דִינֶען אוֹיף אַנַאנְדֶער אוֹפָן ווִיא עֶר אִיז גֶעווֶען גֶעוָואהְנְט אַלֶע מָאל, דַארְף עֶר זִיךְ דֶערְפוּן נִיט מְצַעֵר זַיין, וַוייל נָאט ווִיל דָאס דֶער מֶענְשׁ זָאל אִיהְם דִיעֶנֶען אוֹיף אַלֶערְלֵייא אוֹפַנִים, אַמָאל אוֹיף אַזַא אוֹפָן אוּנ אַמָאל אוֹיף אַנַאנְדֶער אוֹפָן, אוּנ דֶערְפַאר הָאט אִיהְם נָאט צוּגֶעשִׁיקְט אַזַא עֵסֶק עֶר זָאל בְּרוֹיכֶען גֶעהֶען אוֹיף דֶעם וֶועג, אָדֶער רֶעדֶען מִיט מֶענְשֶׁען, כְּדֵי עֶר זָאל אִיהְם דִינֶען, אוֹיף דֶעם אוֹפָן:

רַבִּי יִשְׂרָאֵל בעש״ט הָאט זֵייעֶר פֵיינְד גֶעהַאט וֶוען אֵיינֶער הָאט גֶעווֵיינְט, עֶר פְלֶעגְט זָאגֶען דָאס דֶער ווֵיינֶען אִיז זֵייעֶר שְׁלֶעכְט, וַוייל דֶער מֶענְשׁ דַארְף דִינֶען נָאט מִיט שִׂמְחָה, נוּר וֶוען דֶער ווֵיינֶען קוּמְט פוּן גְרוֹיס פְרֵייד דַאמָאלְסְט אִיז זֵייעֶר גוּט:

## יט.

וצדיק באמונתו יחיה – האט דער בעש"ט געזאגט אז מען דארף ניט לעזען יחיה, נור יחיה:

תורת ה' תמימה, זיא איז נאך היינטיגען טאג גאנץ, קיינער האט נאך פון איהר ניט מחסר געווען, זיא איז גאנץ וויא געוועזן:

אז דער מענש לערענט דארף ער וויסען צוא ליב וועמען ער לערענט, זיך דארף ער מבטל זיין אזויא וויא ער וואלט ניט עקסעסטירען, וויא דער פסוק זאגט החכמה מאין תמצא דורך אין (בטול) געפינט מען דיא חכמה:

דיא צונג איז דער פעדער פון הארצען; אראש הקהל, הנם ער האט קיין צייט ניט צוא לערנען פלעגט איהם דער בעש"ט האלטען אז ער איז אין איין מדרגה מיט דעם וואס לערענט טאג אונ נאכט אונ אפשר שטייט ער נאך אין אהעכערע מדרגה וויל ער האט אשווערען ענין וויא יענער:

– דער מענש האט צוויא וועגען – פלעגט רבי ישראל בעש"ט זאגען – איינע איז אגלייכע איין אויס געטראטענע, מען קאן ניט פארבלאנזען, דאס איז ווען דער מענש לערינט טאג אונ נאכט, ער שיידעט זיך אפ פון אלע וועלט ענינים, ער רעדט נור דאס וואס עס איז איהם זייער נייטהיג, אונ עס איז פאראן נאך אזארט וועג, זיא איז אזייטיגער גאסטיגעץ, ניט קיין זיכערע וועג, דאס איז ווען דער מענש רעדט אונ האנדעלט מיט לייטען נור אלץ וואס ער רעדט איז לשם שמים, דהיינו: פון זיינע רייד זאלען דיא הערער אפלערנען ליב אונ מורא צוא האבען פאר גאט, אונ אמוסר השכל אדער זיינע רייד זאלען אוועקגיין אין אהויכען הייליגען ארט, וויא דאס איז ידוע פון פיעל מענשען, נור אזא וועג איז געפערליך, דער מענש קאן גרינג אראפגיין פון דרך הטוב, ער קאן שנעל פארבלאנדזען פון הייליגען וועג, ער קאן אנפאנגען ריידען דברים בטלים וויא דער שטייגער איז פון פיל פראסטע מענשען, אויף

דעם דארף יעדער חסיד מתפלל זיין אז גאט זאל איהם העלפען, ער זאל ניט נכשל ווערען חלילה, ער זאל איהם פירען אויף אזיכערע וועג אבער ניט חלילה אויף אקרומע וועג. דען אהן דיא הילף פון גאט קאן מען גאנץ לייכט אראפ גיין פון דרך הישר:

דיא צווייטע וועג האט רבי ישראל בעש"ט געשעצט אונ טהייערער געהאלטען וויא דיא ערשטע וועג. אמענש וואס ארבייט לשם שמים איז ביי איהם געשטאנען פיל העכער אונ וויכטיגער פאר דעם מענשען וואס לערענט נור אין דיא רבנים'שע ספרים:

אמאל (אזויא דערציילט מען פון איהם) האט ער גיזעהען איינער לערינט אונ ער איז שטארק פארטראכט אין לערנען, האט ער געזאגט: דער מענש איז אזויא שטארק פארטיפט אין לערנען אז ער האט פארגעסען דאס עס איז פאראן א גאט אויף דער וועלט:

## כ.

רבי ישראל בעש"ט האט פיעל געקלעהרט וואס וועט זיין נאך זיין הסתלקות, ווער וועט ירשנען זיינע אידעען מיט זיין נייע שיטה וויא גאט צוא דינען:

אמאל אין אשיינעם פריהלינגס טאג איז ער מיט זיינע תלמידים געגאנגען שפאצירען אויף דעם פעלד, ער האט זיך געשטעלט אונטער אגרויסען געדיכטען בוים דאווענען מנחה, ער האט בעטראכט דיא בלעטער אונ דיא בליהונג פון בוים. וויא קירצליך וועט פון דיא בליהונג ווערען פרוכט:

– איך בין גענגליכען צוא דעם בוים – האט רבי ישראל בעש"ט געטראכט ביי זיך אין הארצען – מיינע תלמידים זיינען וויא בליהונג, פון זייא דארף ווערען פרוכט, טראכטענדיג האט ער געקוקט אויף זיינע תלמידים, ער האט אנגעפאנגען צוא בארעכענען וויא וויט זייא זיינען איבערגעגעבען צוא דיא תורה וואס ער לערינט מיט זיי, ער האט זייער שטארק געזיפצעט פון טיעפען הארצין:

– איך וויים געוויס – האט ער צוא זיך געזאגט – דאס וויפיל בלעטער עס זיינען פאראן אויף דעם בוים. אזויא פיל „צדיקים" וועלען זיין נאך מיין אוועק גיין אויף יענע וועלט, אונ יעדער וועט אנדערש טהון, ניט וויא זיין חבר טוט, אונ יעדער פון זייא וועט זיך בעריהמען דאס ער טוט וויא איך:

אמאל האט ער געזעהען אגרויסע קאפ'פול מיט מאהן, האט ער גיזאגט: דיא „צדיקים" וואס וועלען זיין נאך מיר וועלען זיין אזויא פיל אונ אזויא גרוים וויא דיא מאהן:

## כא.

עס איז בעוואוסט דאס רבי דובער המגיד הגדול פון מעזעריטץ איז גיוועזען אתלמיד מובהק פון רבי ישראל בעש"ט, נור וויא אזויא ער איז געווארען

זיין

זיין תלמיד מובהק ערצעהלט מען אויף פערשידענע ארטען, מיר האבען גילעזען אין ספר רבי ישראל בעש"ט פון החכם אברהם כהנא געדרוקט אין זיטאמיר תרס"א. אונ אזוי וויא אויף דעם געעהרטען מחבר קאן מען זיך פערלאזען אז ער האט זיינע ידיעות וועגען בעש"ט געשריבען פון אמת'ע זיכערע קוועלען, דארום ווילען מיר איבערזעטצען דעם פאקט, אקוראד וויא ער שרייבט. וזה לשונו:

דער המגיד הגדול ר' דובער פון מעזעריטץ האט שטענדיג געלערענט די קבלה פון האר"י ז"ל, ער איז געגאנגען אין זיין דרך זיך צוא פייניגען ער איז געוועזען אבגעזונדערט פון מענשען, דארום איז ער געווען אגרויסער מתנגד פון בעש"ט וויל דער בעש"ט האט געזאגט: אמענש דארף דינען גאט מיט שמחה אבער דורך פאסטען קאן דאס ניט זיין:

רבי דובער איז פון זיין פאסטען די גאנצע וואך, קראנק אונ זייער שוואך געווארען, קוים ער האט געקאנט אויף אוויילינקע ארויפקריכען פון בעט:

ר' מענדל פון באר איז געוועזען אשטענדיגער גאסט ביא רבי ישראל בעש"ט. אמאל איז ער געקומען אין מעזעריץ אונ האט בעזוכט דעם המגיד רבי דובער, דער ר' מענדל האט געזעהען דאס רבי דובער איז שוואך אונ קראנק, האט ער צוא איהם געזאגט רבי! פאלגט מיין עצה, פארט צום בעש"ט ער וועט אייך געזונד מאכען:

אין אנפאנג האט רבי דובער ניט געוואלט פאהרען צוא דעם בעש"ט, נור אז פיעל פריינד אונ זיינע גוטע פריינד האבען מיט איהם גערעדט דערפון אונ געבעטין שטארק ער זאל פאהרען, איז ער אוועק געפאהרען צום בעש"ט:

רבי ישראל האט איהם זייער פריינדליך אונ ליבליך צוגענומען, ער האט געדונגען אדירה פאר איהם אונ אללעם וואס ער האט געברויכט האט איהם דער בעש"ט געגעבען געלד, פאר די מהייערסטע רפואות, ער האט מיט איהם פארבראכט אין לערנען, איהם ערקלערט זיין דרך הקודש אז אמענש טאר אונ דארף ניט פאסטען, וויל ווען דער גוף איז געזונד איז די נשמה קרעפטיג, קאן ער בעסער דאווענען אונ גאט דינען, פיל מאל האט ער מיט איהם געלערענט אונ איהם געוויזען דאס דער פשט איז טאקע וויא ער זאגט, אבער זיין לערנען איז אהן א נשמה... איידער רבי דובער האט געקאנט ארויסגעהען פון בעט פלעגט דער בעש"ט געהען צוא איהם, אין זיין דירה וואס דער בעש"ט האט געדונגען פאר איהם, ער פלעגט איהם היילען מיט רפואות אונ מיט רוחניות:

רבי דובער האט געהאט הצלחה מקבל צוא זיין פון בעש"ט אללעס וואס ער האט געוואוסט ווען איינער האט זייא געפרעגט אין זהר אפראגע, פלעגען זייא ביידע זאגען אגלייכען פירוש:

אז רבי דובער איז פריש אונ געזונד געווארען, האט ער גענומען אבשייד

פון בעש״ט צוא פאהרען אהיים, האט דער בעש״ט איהם געבענשט, האט ער איינגעבויגען זיין קאפף כדי דער מגיד זאל איהם בענטשען, רבי דובער האט ניט געוואלט האט דער בעש״ט אנגענומען דיא האנד פון מגיד ארויפגעליינט אויף זיין קאפף, האט רבי דובער איהם געבענשט:

רבי דובער האט גערש׳ת פון בעש״ט אלעס וואס ער האט געוואוסט אין קבלה אונ איז געבליבען זיין שטעלפארטרעטער:

חסידים ערציילען אז רבי דובער איז דעם ערשטען מאל געקומען צום בעש״ט, האט רבי ישראל בעש״ט געזאגט: צוא מיר איז געקומען אקאסטען פול מיט ליכט איך דארף נור זייא אנצינדען!...*)

## כב) דעם בעש״ט׳ס דאווענען.

וויא גוט אונ ריכטיג אונזערע חכמים זאגען: הקב״ה מתאוה לתפלתם של צדיקים (חולין ס׳) דאס הייסט דער רבונו של עולם געלוסט דיא געבעט פון דיא פרומע, אז דער צדיק איז מתפלל אויף אזאך פועלט ער ביא גאט, דערום פלעגט דער בעל שם טוב דאווענען וואס פיל מענשען האבען דאס בעוואונדערט, אנדערע האבען דאס ניט געגלויבט:

אין דער צייט וואס רבי ישראל איז נתגלה געווארען האט ער געהאט מתנגדים וואס האבען ניט געגלויבט אין איהם:

דער בעש״ט איז אמאל געקומען אין דער שטאט חעליץ, דארטען איז געוועזן ארב וואס האט ניט געהאלטען, ניט געגלויבט, אין בעש״ט, ער האט אפגעלייקענט אין דיא וואונדער וואס מענשען האבען איהם דערציילט פון רבי ישראל בעש״ט:

אמאל איז איינער געקומען צוא דעם רב אונ האט איהם דערציילט פיעל וואונדער פון בעש״ט, איינע פון דיא וואונדער איז געוועזן דאס דער בעש״ט שטייהט אונ דאווענט שמונה עשרה פיר שעה דיא גאנצע פיר שעה ניט ער זיך ניט אריהר פון דעם ארט ער שטייט וויא ער וואלט געוועזן געקייטעט, - דאס איז איבער נאטירליך - האט דער רב גיענטפערט -מארגען אי״ה אז ער וועט זיך שטעלען דאווענען, וועל איך גיין זעהען דיא מערקווירדיגע זאך:

אויף מארגען וויא דער בעש״ט האט זיך געשטעלט דאווענען האט מען אידיעה געגעבען דעם רב:

דער רב איז געקומען אין שטיבעל אקוראד בעת דער בעש״ט האט זיך געשטעלט שמונה עשרה:

דער רב האט אבגעוואַרט מעהר וויא דרייא שעה עס איז איהם געווארען לאנגווייליג

---

*) וויטער וועלען מיר ערצעהלען פון דיא התקרבות פון המ״מ צוא ריב״ש אויף אנאנדער אופן אזויא וויא מיר האבען געזעהען אין אנדערע הייליגע ספרים: שש״י

לאַנגוויליג צוא זעהען אַמענש זאָל אַזויא לאַנג דאַווענען שמונה עשרה, – דאס איז ניט נאר גלאט – האָט דער רב געזאָגט צוא זיך – איך מוז אַקוק געבען אויף זיין פנים, וואס טהוט ער ?

יענער טאג איז געווען פרייטאג. דער בעש"ט האָט מתקן געווען – מיט זיין תפלה – עטליכע זינדיגע נשמות זייא זאָלען קענען אַריין גיין אין גן עדן, דערפאַר האָט זיין שמונה עשרה געדויערט לענגער וויא אַלע טאג:

דער רב איז צוגעגאַנגען צוא איהם און ער האָט אויפגעהויבען זיין טלית און אַקוק געגעבען אויף זיין פנים, האָט ער זיך אַזויא שטאַרק ערשראָקען, פון גרויס שרעק איז ער געפאַלען אויף דער ערד און חלשות געבליבען:

אין שטיבעל (בית התפלה) איז געוואָרען אַגרויס גערודער, עטליכע מענשען האָבען דעם רב אַוועקגעלייגט אויף אַטיש, אַבגד צוא קאָפּענס זייא האָבען איהם געמינטערט, געגאָסען קאַלטע וואַסער אויף זיין פנים, אָבער אומזאָנסט האָבען זייא געהאָרעוועט, זייערע גרויסע מאַטערניש האָט ניט געהאָלפען, דער רב איז געלעגען וויא אַנגעשטאָרבענער...

עס איז באַלד געבראַכט געוואָרען אַדאָקטער ער האָט אָנגעווענדעט אַלע מעדיצינישע מיטלען, ענדליך האָט ער געזאָגט: דאס ער האָט קיין מיטעל מעהר, דער רב האָט אין זיך קיין לעבען, איינע נשמה קאָן אַדאָקטער ניט געבען אַנגעשטאָרבענעם:

דער בעש"ט האָט געענדיגט דאַווענען, האָט ער געזאָגט צוא זיך אַליין: רבונו של עולם! צוא ליב מיך ווילסט דוא טייטען אַמענשען? ניין! איך וויל דאס ניט, ער מוז בלייבען לעבען, ניט אַנדערש ער מוז געזונד ווערען!

ריידענדיג איז דער בעש"ט צוגעגאַנגען צום טיש וואו דער רב איז געלעגין, ער האָט איהם אַנגלעט געגעבען איבער זיין פנים און שטילערהייט האָט ער געזאָגט, נשמת הרב! איך באַפעל אויף דיר דוא זאָלסט באַלד פון הימעל אַראָפּפליען אין דעם רב'ס גוף אַריין, ער דאַרף נאך לעבען!!

וויא דער בעש"ט האָט דיא ווערטער אַרויס גערעדט פון זיין הייליגע מויל, האָט דער רב געעפענט זייגע אויגען ער האָט זיך געזעצט אויף דעם טיש און ער איז שנעל אַראָפּגעקראָכען צוגעלאָפען צום בעש"ט און האָט געזאָגט מיט גרויס התפעלות: הייליגער רבי! איך בעט אייך זייט מיר מוחל פאר דעם וואס איך בין געווען איבעראַיילט:

– ניט געגען מיך אַליין האָט איהר געזינדיגט – האָט דער בעש"ט גיענטפערט – נור אויך געגען נאָט און געגען אַנשמה וואס דורך אייער אויפהייבען מיין טלית האָט זיא הייליגען פרייטאג ניט געקענט האָבען אַתיקון און זיא מוז וואַרטען ביז דעם צווייטען פרייטאג, יעצט פאַרשטייט איהר וויא גרויס איהר האָט פוגם און מקלקל געווען, אייער שטראָף איז געווען איר זאָלט

שטארבען

שטאַרבען, נור איך האָב ניט געוואָלט אַז דורך מיר זאָלט איהר אַוועקגעהען פון דער וועלט, האָב איך געבעטען נאָך פאַר אייך ער זאָל אייך אייער נשמה צוריק אָבגעבען, נור אייער חטא דאַרף אַתיקון:

– זאָגט מיר וואָס זאָל איך טהאָן – האָט דער רב געבעטען – איך וועל אייך אַלעס פאָלגען:

– נאָט אונז איך זיינען אייך מוחל – האָט דער בעש"ט געענטפערט – אונז אייער תיקון פאַר דיא נשמה זיא זאָל אייך מוחל זיין, דאַרפט איהר אויף זיך מקבל זיין צוא לערנען אַלע טאָג אַפּרק משניות ביז אַ יאָהר צייט, אונז טראַכטין בעת איהר לערינט אַז דאָס איז פאַר יענע נשמה:

דער רב האָט דעם פּסק פון בעש"ט מקבל געוועזען אויף זיך אונז דער בעש"ט איז נאָכדעם אַוועקגעגאַנגען מקבל שבת זיין:

דער רב האָט נאָכדעם דערציילט פאַר אַלעמען וואָס זיינען געוועזען אין שטיבעל; וויא ער האָט אויפגעהויבען דעם טלית פון בעשט'ס קאָפּ, האָט ער געזעהען דאָס דער בעש"ט איז בלאַס וויא אַטויטער, זיינע אויגען זיינען געוועזען פאַרגלאָצט אונז טרעהרען זיינען געראָנען וויא וואַסער פון אַקוואַל, זיינע ליפּען האָבען זיך געשאָקעלט, אונז אַרום איהם האָבען געשוועבט תמונות וואָס קיין מענש ווייסט ניט וויא זייא אָנצוזופען, יעדער תמונה האָט אויסגעזעהען וויא אַבליץ, דאַרום איז אויף איהם געפאַלען אַגרויסע אימה ופחד, אין דיא אויגען איז איהם פינסטער געוואָרען, אין קאָפּ אַגרויסער שווינדעל אונז ער האָט געחלשת:

פון דענסטמאָל אָן איז דער רב פיער מאָל אַ יאָהר געפאָהרען צום בעש"ט, אונז האָט פיעל פון זיינע נוטע פריינד געמאַכט דאָס זייא זאָלען גלויבען דאָס דער בעש"ט איז אַהייליגער מאַן:

## כג) עליות נשמה.

רבי ישראל בעש"ט איז אַמאָל געזעסען מיט זיינע תלמידים, ער האָט געזאָגט גרויסע כוונות וואָס מקוה בעטייט (דיא כונות זיינען יעצט געדרוקט אין סדור פון אדמו"ר הזקן):

דיא תלמידים זיינען געוועזען גאונים אין נגלה אונז אין נסתר זייא האָבען געוואוסט דיא כתבי האר"י ז"ל בעל פּה:

-- רבנו! האָבען זייא צוא איהם געזאָגט – דער האר"י ז"ל אין זיינע כתבים שרייבט דאָך אַנדערע כוונות וועגען דיא מקוה ניט וויא איהר זאָגט:

וויא זייא האָבען דיא ווערטער אויסגערעדט פון זייער מויל, האָט דער בעש"ט אומגעקעהרט זיין קאָפּ הינטער זיך, זיין פּנים האָט געברענט וויא אַגרויסער פייער, זיינע אויגען האָט ער פאַרגלאָצט וויא זיין שטייגער איז ניוועזען אַז ער האָט געהאַט עליות נשמה, ער פלעגט אַרויף גיין אין הימעל אויף דיא

אויבערשטע וועלטען: אויף אלע תלמידים איז געפאלען אשרעק אונ אגרויסע ציטערניש, ביא דעם בריינג טיש איז געזעסען ר' נחמן הרדענקער ער איז געוועזן דער יונגסטער פון אלע תלמידים. דער ר' נחמן זיטצענדיג ביא דעם טיש איז אויף איהם אנגעפאלען אגרויסער שלאף ער האט בשום אופן ניט געקאנט זיך אבהאלטען פון שלאפען, האט דאס איהם זייער שטארק פארדראסען, וויל באמת איז דאך דאס אגרויסער בזיון איינצושלאפען זיצענדיג ביא דעם טיש, אין דער צייט וואס דער בעש"ט איז זיך עוסק אין עליות נשמה, אונ אלע תלמידים זיטצען אין גרוים שרעק, אין אזא הייליגע צייט אונ ביא אזא הייליגען טיש וויא שלאפט מען? דער רבי נחמן האט געטהאן אלע מיטלען כדי ער זאל ניט איינשלאפען, ער האט מיט זיינע הענד זיך געשלאגען אויפגעריסען דיא אויגען, אבער עס האט איהם קיין זאך ניט געהאלפען, ער האט שטארק איינגעשלאפען ביא דעם טיש:

ר' נחמן האט געזעהן אין חלום דאס ער גייט אויף דער גאס אונ פיעל מענשען לויפען זעהער געשווינד, אלע צוא מזרח זייט, איז ר' נחמן אויך מיט זייא געלאפען, אונ האט זייא געפרעגט; פאר וואס לויפען זייא אזויא שנעל?, זייא האבען איהם געענטפערט, ווייסט דוא דען ניט אז באלד וועט דרשנען דער הייליגער רב?— דיא ווערטער האבען זייא איהם געענפערט מיט גרויס האסט, אונ ר' נחמן האט זייא נאכגעיאגט אונ געפרעגט, וועלכער הייליגער רב וועט דרשנען? – אבער פון גרוים געשווינדקייט האבען זייא איהם גאר ניט געענטפערט, אונ זייא זיינען געלאפען שנעל וויפיל כוחות זייא האבען געהאט:

ר' נחמן איז זייא נאכגעלאפען ביז ער איז געקומען אין אהויז וואס ער האט אזעלכע קיין מאל אויף זיין לעבען ניט געזעהען, דיא איז געוועזן גרויס אונ שיין, דער גרעסטער מיליאנער וואלט זיך געוואונשען צוא וואהנען אין אזא הויז, דיא וועגד זיינען געוועזן פון אבנים טובות, דער דאך פון רייגע גינגאלד, דיא טרעפ פון טהייערע מאלעחיט, דיא פענסטער פון טהייערע ברילאנטען וואס האבען געשיינט פון ווייטען טויזענדע מאל ליכטיגער וויא דיא זון שיינט תמוז אין מיטען טאג, ר' נחמן איז אריינגעגאנגען אין אזאל וואס ער האט זיך ניט געקאנט אפוואונדערען אויף זיין שענהייט אונ גרויסקייט. אז ר' נחמן איז געשטאנען למשל אין מזרח זייט האט ער ניט געקאנט זעהען מערב זייט, איז ער געשטאנען אין צפון זייט האט ער ניט געקאנט זעהען דרום זייט, אונ דער גרויסער זאל איז געוועזן פול מענשען, אויף זייערע פנים'ער איז געוועזן קענטיג אז זייא זיינען גרויסע צדיקים הייליגע חסידים אמתע קדושים וטהורים:

אין זאל איז געוועזן אטומעל איינער צום אנדערן האט געזאגט מיט גרויס שמחה, אט באלד וועלען מיר הערין סודות התורה פון דעם הייליגען רבי:

פלוצלונג האט ר' נחמן געהערט אגרויס געשרייא; „פנו מקום לצדיק"! אונ

באלד האט ער געזעהען וויא זיין רבי דער בעש"ט איז אריינגעקומען, ער האט זיך געשטעלט אויף דער בימה אין מיטען זאל, געגען איהם איז געשטאנען איונגער מאן, דאס איז געוועזן דער האר"י ז"ל :

ר' נחמן האט געהערט וויא זיין רבי האט געדרשנ'ת דיא כונות פון מקוה'ת אונ דער האר"י ז"ל האט איהם אפגעפרעגט זייא האבען זיך אלאנגע צייט מפלפל געוועזן, ביז דער האר"י ז"ל האט מודה געוועזן אז רבי ישראל בעש"ט האט רעכט, ער האט געזאגט דאס אזויא מוז בלייבען וויא רבי ישראל זאגט :

באלד נאכדעם האט ר' נחמן אויפגעוואכט פון זיין שלאף, אונ באלד האט רבי ישראל צוא איהם געזאגט; נחמן! איך האב דיר מיטגענומען אויבען דוא זאלסט הערען וויא דער האר"י ז"ל האט מיר מודה געוועזן דאס איך האב רעכט, יעצט פערלאנג איך פון דיר אז דוא זאלסט ערצייהלען דיינע חברים וואס דוא האסט אויבען געזעהען נישט קשה דוא בינסט אגוטער עדות :

ר' נחמן האט באלד ערצייהלט אלעס וואס ער האט געזעהען אונ געהערט אויבען, דיא תלמידים האבען אויך מודה געוועזן אז רבי ישראל בעש"ט האט רעכט :

## כד) דער בעש"ט פארט אין פוזנא.

רבי ישראל בעש"ט איז אמאל געקומען אין בראד, ער האט לאזירט (קווארטירט) בייא אגרויסען גביר, וואס האט געשעצט דעם בעש"ט :

דער גביר האט געהאט אנ'יידעם פון פוזנא, ער איז געוועזן איונגער מאן אגעוויסער מופלג, אונ אפרומער :

אמאל האט רבי ישראל בעש"ט געזאגט צוא דעם יונגען מאן : איך פאר אין פוזנא, איך ברויך דארטען זיין, אויב דוא ווילסט פאהר מיט מיר צוזאמען :

– זעהער גוט – האט דער יונגער מאן געענטפערט – עס איז שוין דרייא יאהר וויא איך האב מיינע עלטערין ניט געזעהען, נור איך מוז פרעגען מיין שווער אויב ער וועט מיר ערלויבען צוא פאהרען וועל איך מיר זייער פרייען, איך וויל זעהען מיינע עלטערין :

דער יונגער מאן האט געפרעגט זיין שווער, האט דער גביר געענטפערט דאס מיט אזא הייליגען מאן וויא רבי ישראל איז ערלויבט ער איהם צוא פארען, אונ געוויס – האט דער גביר געזאגט – וועסט דוא זעהען נסים ונפלאות, דען רבי ישראל פאהרט אהין ניט גאר אומזאנסט :

דער יונגער מאן איז מיט גרויס שמחה געגאנגען צום בעש"ט אונ ער האט איהם געזאגט דאס זיין שווער האט איהם ערלויבט מיט איהם צוא פארין אין פוזנא :

פוזנא פון בראד איז געוועזן אמהלך צוא פאהרען א ערך אכט טאג, זייא זיינען ארויסגעפאהרען דאנערשטאג נאך האלבען טאג, האט דער יונגער מאן

גערעכענט צוא קומען אין פּוזנא אויף דעם צווייטען שבת, ער איז געוועזען פריילך מיט זיין נסיעה:

ווייא זייא זיינען ארויסגעפאהרען פון בראד, האט דער פורמאן גענומען דיא לייצעס, זייא אנגעבונדען אן וואגען אונ אליין האט ער זיך געלייגט אין וואגען שלאפען, דער יונגער מאן האט זיך אויף דעם געוואונדערט, ווייא אזויא לאזט ער דעם פערד גיין וואוהין ער וויל? ער קען דאך פארבלאנדזען:

עס האט לאנג ניט געדויערט, האט דער יונגער מאן געזעהען ווייא דער פערד איז אראפגעגאנגען פון וועג אונ איז אריינגעלאפען אין אוואלד:

— רבי! האט דער יונגער מאן געשריען — מיר בלאנדזען, דער פערד איז אראפגעגאנגען פון ריכטיגען וועג:

— מיר דארפען דעם פערד ניט זאגען וואו ער זאל געהען—האט רבי ישראל בעש״ט געענטפערט מיט אשמייכעל — ער ווייסט דיא וועג ריכטיג, ער וועט ניט בלאנדזען, מיר וועלען אויף היינטיגען שבת קומען אין פוזנא:

דער יונגער מאן האט איהם אנגעקוקט מיט גרויס פארוואונדערונג, ער האט מורא געהאט צוא זאגען דאס וואס ער טראכט, דען אין זיין הערצען האט ער געטראכט דאס דער בעש״ט זאגט ניט אמת, אדער ער לאכט פון איהם, וויל דאס איז דאך ניט מעגליך צוא קומען אויף דעם שבת אין פוזנא, עס איז שוין דאנערשטאג נאך האלבען טאג אונ דיא נסיעה דארף דויערן ניט ווייניגער ווייא אכט טאג. דער יונגער מאן האט געשוויגען ער האט נור געקוקט וואס דא וועט זיין.

דער בעל עגלה האט געשלאפען אונ דער פערד איז געגאנגען אין אזא וועג וואס קיין מענש, קיין בהמה, קיין חיה אונ קיין פויגעל איז דארטען קיין מאל ניט געוועזען. עס האט זיך געדאכט דעם יונגען מאן: אז דער פערד לויפט אזוי שנעל וואס קיין פערד אויף דער גאנצער וועלט קאן אזוי ניט לויפען. ער איז וואס ווייטער געקומען מעהר אין אגעדיכטען וואלד, ער איז פון וואלד ארויסגעלאפען, איז ער געקומען אויף אהויכען בארג, נאכדעם אין א טיעפען טהאל, נאכדעם ווייטער אין אוואלד אונ ווידער אויף אבארג, אונ פון דאס נייא אין א טהאל, אזוי זענען זייא דאנערסטאג געפאהרען ביז מנחה צייט, נאכדעם זענען זייא געקומען אויף א פעלד וואס איז בעוואכסען מיט הויכע געדיכטע גראז, צווייא מאן דיא הויך. דער פערד האט זיך געשטעלט אין דיא גראז.

דער יונגער מאן האט געזעהען ווייא דער בעש״ט איז געווארען גאר אנאנדער מענש, זיין פנים האט געשיינט ווייא אפלאם פייער, עס איז געוועזען שרעקליך אויף איהם אקוק צוא טאן, ער האט אויפגעוועקט דעם בעל עגלה אונ ער האט צוא איהם געזאגט: נעהם דיא קריגעל אונ גייא צוא וויסען דיא גראז וועסט דוא אנשעפען אפולע קריגעל וואסער אונ ברייננ מיר אטרונק:

דער

דער בעל עגלה איז געגאנגען, עס האט ניט לאנג געדויערט האט ער גיפונען דעם קוואל, ער האט אנגעשעפט אפולען קריגעל מיט וואסער און געבראכט צוא טראגען:

רבי ישראל בעש"ט האט גענומען דיא קריגעל וואסער געמאכט אברכה מיט גרוים כונה, געטרונקען אביסעל וואסער. נאכדעם האט ער גיגעבען דעם יונגען מאן און געזאגט צוא אים מאך אברכה מיט גרוים כונה און טרינק אביסעל וואסער, דער יונגער מאן האט אזויא געטאן, נאכדעם האט רבי ישראל געזאגט צוא דעם בעל עגלה לייג דיך שלאפען, האט זיך דער בע"ע געלייגט שלאפען און האט באלד איינגעשלאפען און דער פערד איז ווייטער געלאפען אויף בערג און אין טהאלען וואלד אריין וואלד ארויס. מען זעהט ניט קיין שטאדט, קיין דארף, קיין קרעטשמע, אפילו קיין פויגעל ניט, אזויא זיינען זייא געפאהרען דיא גאנצע נאכט וואס געהערט צוא פרייטאג, דער יונגער מאן האט ניט געוואוסט וואו זייא זיינען, ער האט ביי זיך געטראכט אז געווים וועלען זייא שבת מוזען שטיין אויף דעם וועג. ווייל צוא פוזנא איז נאך געוועזן זעהער ווייט, ער האט דערפון געהאט גרוים פארדרוס. ער האט זיך ניט געקאנט איינהאלטען און ער האט געפרעגט דעם בעש"ט, זאגט מיר רבי וואו וועלען מיר האלטען שבת?

— דוא ווייסט דען ניט אז מיר פאהרען אין פוזנא? — האט דער בעש"ט געענטפערט — דארטען וועלען מיר אי"ה קומען אויף שבת:

דער יונגער מאן האט געשוויגען, ער האט מורא געהאט צוא פרעגען. נור ביי זיך אין הארצען האט ער זיך שטארק געוואונדערט. ווייל ער איז אפוזנאר און ער ווייס דעם גאנצען געגענד ארום פוזנא, ווען זייא וואלטען געוועזן צוואנציג מייל פון פוזנא וואלט ער דערקאנט דיא ארומיגע שטעדטליך און דערפער, און ער זעהט קיין שפור ניט פון פוזנא, האט ער דערפון פערשטאנען דאס זייא זיינען נאך זייער ווייט פון פוזנא, וועלען זייא מוזען שבת האלטען אונטער דעם בלאען הימעל, דערפון האט דער יונגער מאן געהאט גרוים פארדרוס. אזא מעשה צוא שטיין שבת אויף דעם פעלד וועט איהם טרעפען דעם ערשטען מאל אויף זיין לעבען. ער איז דערצוא ניט געוואהנט, ער איז אנבירעשער זאהן און אנבירעשער איידעם, וועט איהם אזא סלוטשאי קאסטען פיעל געזונד, מיט דיא געדאנקען איז ער געפאהרען דיא גאנצע נאכט, אויף מארגען וויא עס איז געקומען דיא צייט פון דאווענען איז דער פערד געבליבען שטיין אויף א נארט און וויא זייא האבען גענדיגט דאווענען איז דער פערד געגאנגען ווייטער, דער בעל עגלה איז געוועזן אקריסט, רבי ישראלים שטייגער איז געוועזן צוא פאהרען מיט אקריסטליכען בעל עגלה:

דער בעל עגלה האט דיא גאנצע צייט געשלאפען ער האט פון קיין זאך ניט געוואוסט:

ויהי

וַיְהִי בַּחֲצִי הַיּוֹם, הַאלְבְּען טָאג צַייט, הָאט דֶער יוּנְגֶער מַאן גֶעפְרֶעגְט דֶעם בעש״ט: וואו וֶועלֶען מִיר רוּהֶען שַׁבָּת? עֶס אִיז דָאךְ שׁוֹין נָאךְ הַאלְבֶּען טָאג! —

— דַאכְט זִיךְ — הָאט רַבִּי יִשְׂרָאֵל גֶעעֶנְטְפֶערְט — אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזָאגְט אַז אוֹיף שַׁבָּת וֶועלִין מִיר אי״ה גֶעוִויס קוּמֶען אִין פּוֹזְנָא:

דֶער יוּנְגֶער מַאן הָאט בַּייא זִיךְ גֶעטְרַאכְט דָאס דֶער בעש״ט לַאכְט פוּן אִיהם:

דֶער פֶערְד טְהוּט דָאס זַיינִיגֶע עֶר גֵייט שְׁנֶעל עֶר וֶוערְט נִיט מִיד, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען פַאר נַאכְט נָאךְ צְווייא שָׁעָה הָאבֶּען זַייא גֶעקָאנְט פָאהְרֶען בִּיז שַׁבָּת, דֶער יוּנְגֶער מַאן הָאט דֶערְזֶעהֶען פוּן וַוייטֶען אַגְרוֹיסֶען דָארְף, הָאט עֶר זִיךְ גֶעפְרֵיידְט, ווייל עֶר הָאט גֶעגְלֵייבְּט דָאס אִין דָארְף וָואהְנְט גֶעוִויס אַ יוּד, וֶועלֶען זַייא בַּייא אִיהם זַיין שַׁבָּת, אִיז דָאךְ דָאס בֶּעסֶער וִויא אוֹיף דֶעם פֶעלְד אוּנְטֶערֶען בְּלָאוֶען הִימֶעל:

וִויא זַייא זַיינֶען גֶעקוּמֶען אִין דָארְף, אִיז דֶער פֶערְד דוּרְכְגֶעלָאפֶען דֶעם דָארְף, עֶר הָאט זִיךְ בַּייא קֵיין הוֹיז אָבְּגֶעשְׁטֶעלְט:

נִיט וַוייט פוּן דָארְף אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַקְלֵיינֶע הַייזֶעל אַצוּבְּרָאכֶענֶע אַנְ׳אֱמֶתֶע חוּרְבָּה, בַּייא דֶער חוּרְבָּה אִיז דֶער פֶערְד גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֵיין:

דֶער יוּנְגֶער מַאן הָאט גֶעמֵיינְט אַז אִין דִיא חוּרְבָּה וֶועלֶען זַייא הַאלְטֶען שַׁבָּת, הָאט עֶר זִיךְ גֶעפְרֵיידֶעט, ווייל עֶס אִיז דָאךְ בֶּעסֶער וִויא צוּא שְׁטֵיין אַגַאנְצֶען שַׁבָּת אוֹיף דֶעם פֶעלְד:

רַבִּי יִשְׂרָאֵל בעש״ט אִיז אַרָאפְּגֶעקְרָאכֶען פוּן פוּהְר אוּנ אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין חוּרְבָּה, דֶער יוּנְגֶער מַאן אִיז אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען דָארְטֶען, עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען אִין חוּרְבָּה אַנְ׳אַלְטֶען מַאן קְרֶעטְשִׁיג פוּן קָאפּ בִּיז דִיא פִּיס, שְׁרֶעקְלִיכֶע מַכּוֹת, אוּנ זַיין וַוייבּ מִיט דִיא קִינְדֶער גֵייעֶן אַרוּם קְרוּעִים וּבְלוּאִים, וִויא דֶער בעש״ט הָאט גֶעעֶפֶענְט דִיא טְהִיר אִיז דֶער אַלְטֶער גֶעוָוארֶען מָלֵא שִׂמְחָה, עֶר אִיז גֶעלָאפֶען אִיהם עֶנְטְגֶעגֶען אוּנ עֶר הָאט אִיהם „שָׁלוֹם“ גֶעגֶעבֶּען, מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה הָאט עֶר אַגֶעשְׁרֵייא גֶעטְהָאן: שָׁלוֹם עָלֶיךָ רַבִּי וּמוֹרִי! וֶוער עֶס הָאט זַייעֶר שִׂמְחָה נִיט גֶעזֶעהֶען, הָאט קֵיין בֶּעגְרִיף וָואס אִיז אַשִׂמְחָה, דֶער אַלְטֶער מִיט דֶעם בעש״ט זַיינֶען אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין אַזֵייטִיגֶען חֶדֶר, זַייא הָאבֶּען גֶערֶעט אַהַאלְבֶּע שָׁעָה, נָאכְדֶעם הָאבֶּען זַייא זִיךְ פְרֵיינְדְלִיךְ גֶעזֶעגֶענְט, דֶער בעש״ט הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט אִין וָואגֶען, דֶער יוּנְגֶער מַאן הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעזֶעצְט אִין וָואגֶען, דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאט גֶעשְׁלָאפֶען אוּנ דֶער פֶערְד הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען לוֹיפֶען וִויא אַלֶע מָאל:

דֶער יוּנְגֶער מַאן הָאט מֶעהְר נִיט גֶעפְרֶעגְט וואו זַייא וֶועלֶען הַאלְטֶען שַׁבָּת, גֶעוִויס אוֹיף דֶעם פֶעלְד, ווייל פוּן פּוֹזְנָא זַיינֶען זַייא נָאךְ וַוייט, אוּנ צוּא דִיא

שְׁקִיעַת הַחַמָּה אִיז גֶעבְּלִיבֶּען וֶוייניגֶער וִויא אַשָׁעָה צייט, עֶר הָאט דֶערְפוּן גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר ווייל עֶר אִיז דֶערְצוּא נִיט גֶעוֶואהְנְט גֶעוֶועזֶען:

פְּלוֹטְצְלוּנְג הָאט עֶר דֶערְזֶעהֶען אַז זִייא זַיינֶען בַּייא פּוֹזְנָא. עֶר הָאט עֶרְקַאנְט זַיינֶע עֶלְטֶערְנְס הויז. עֶס דַארְף דוֹיעֶרְן נִישְׁט מֶעהְר וִויא פִינְף מִינוּטֶען אַרַיינְצוּפָאהְרֶען אִין שְׁטָאדְט:

— דוּא הָאסְט מִיר נִיט גֶעגְלוֹיבְּט — הָאט דֶער בעש"ט גֶעזָאגְט — אַז מִיר וֶועלֶען זַיין אוֹיף שַׁבָּת אִין פּוֹזְנָא, דֶערְפַאר וֶועסְט דוּא דַיינֶע עֶלְטֶערְן יֶעצְט נִיט זֶעהֶן —

— וָואס רֶעדְט אִיהְר, רַבִּי? — הָאט דֶער יוּנְגֶער מַאן גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַשְׁמֵייכֶעלֶע — אָט זֶעה אִיךְ דָאךְ מַיינֶע עֶלְטֶערְנְס הויז, וָואס בְּרוֹיךְ אִיךְ אַבֶּעסֶערֶע אַבְּסָנְיָא וִויא זַייעֶרֶע אִיז? —

דֶער בעש"ט הָאט אִיהם קֵיין וָוארְט גֶעעֶנְטְפֶערְט:

אִין פּוֹזְנָא אִיז גֶעוֶועזֶען אַגַאס וָואס דַארְטֶען הָאט אַ יוּד נִיט גֶעטָארְט גֵיין, דַארְטֶען הָאבֶּען דִיא אַיינְוואוֹהְנֶער עֶרְלוֹיבְּט נוּר אַיין יוּדִישֶׁען שְׁנַיידֶער צוּא וואוֹהְנֶען, ווייל זַייא הָאבֶּען אִיהם גֶעבְּרוֹיכְט צוּא זַייעֶרֶע נוּטְצֶען, עֶר הָאט פַאר זַייא גֶענֵייט אַלֶע זַייעֶרֶע קְלֵיידֶער, אַחוּץ דֶעם שְׁנַיידֶער הָאט קֵיין יוּד נִיט גֶעטָארְט קוּמֶען אִין דִיא גַאס וָואס אִיהר נָאמֶען אִיז גֶעוֶועזֶען „שׁוּלֶער-גַאס״, אַמָאל הָאט גֶעטְרָאפֶען אַסַכָּנָה, אַפְרֶעמְדֶער יוּד הָאט נִיט גֶעווּאוּסְט דֶערְפוּן, אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּלֶער גַאס, הָאבֶּען דִיא אַיינְוואוֹהְנֶער גֶעוָוארְפֶען שְׁטֵיינֶער בִּיז זַייא הָאבֶּען אִיהם גֶעהַרְגֶעט אוֹיף טוֹיט, פוּן דַאמָאלְט אָן פְלֶעגֶען אַלֶע יוּדֶען מוֹרָא הָאבֶּען צוּא גֶעהֶען אוֹיף יֶענֶער גַאס עֶס זָאל זַייא חָלִילָה נִיט טְרֶעפֶען דִיא זֶעלְבִּיגֶע סַכָּנָה:

וִויא רַבִּי יִשְׂרָאֵל בעש"ט מִיט דֶעם יוּנְגֶען מַאן זַיינֶען גֶעקוּמֶען אִין פּוֹזְנָא אִיז דֶער פֶערְד גֶעלָאפֶען גְלַייךְ אִין יֶענֶער גַאס:

דֶער יוּנְגֶער מַאן אִיז גֶעוֶוען אַפּוֹזְנֶאר הָאט עֶר גֶעווּאוּסְט דִיא גְרוֹיסֶע סַכָּנָה וָואס קָאן קוּמֶען, הָאט עֶר גֶעוָואלְט אַרָאפְּשְׁפְּרִינְגֶען פוּן וָואגֶען. אָבֶּער עֶר הָאט נִיט גֶעקָאנְט ווייל דֶער פֶערְד אִיז זֶעהֶער שְׁטַארְק גֶעלָאפֶען, עֶר הָאט זִיךְ עֶרְשְׁרָאקֶען פָּשׁוּט אַטוֹיט שְׁרֶעקֶענִישׁ:

— רַבִּי! — הָאט דֶער יוּנְגֶער מַאן גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס צִיטֶערְנִישׁ — מִיר זַיינֶען אִין אַסַכָּנָה, דֶער פֶערְד לוֹיפְט אִין שׁוּלֶער גַאס, וֶועלֶען אוּנְז דִיא אַיינְוואוֹהְנֶער וַוארְפֶען מִיט שְׁטֵיינֶער, זַייא וֶועלֶען אוּנְז גֶעווִיס טֵייטְטֶען:

— בִּיז יֶעצְט — הָאט רַבִּי יִשְׂרָאֵל גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַשְׁמֵייכֶעל — הָאבֶּען מִיר נִיט גֶעזָאגְט דֶעם פֶערְד אַדֵיעָה וואוּ עֶר זָאל גֶעהֶען, לָאמִיר אִיהם יֶעטְצְט אוֹיךְ קֵיין דֵיעָה נִיט זָאגֶען וואוּ עֶר זָאל גֶעהֶען: זָאל עֶר גֶעהֶען וואוּ עֶר ווִיל. אוּנ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וֶועט אוּנְז בֶּעהִיטֶען פוּן דִיא שְׁלֶעכְטֶע מֶענְשֶׁען זַייא וֶועלֶען אוּנְז קֵיין שְׁלֶעכְטֶעס נִיט קֶענֶען טְהָאן:

דיא איינוואהנער האבען געזעהען עס פאהרט אפוהר מיט צוייא יודען, האבען זייא זיך פערזאמעלט צוא צאמענגעקליבען גרויסע שטיינער, צוא ווארפען אויף זייא, דער יונגער מאן האט דאס געזעהען, האט ער זיך שטארק ערשראקען אונ געשריען: עס איז אסוף פון אונזער לעבען, דיא איינוואהנער וועלען אונז געוויס הרגענען:

דער פערד איז דורכגעלאפען דיא גאנצע נאכט, ער איז געקומען ביא דיא ערשטע הויז וואו דער יודישער שניידער האט געוואהנט. איז ער געבליבען שטיין, דער שניידער מיט זיינע מענשען זיינען ארויסגעגאנגען צום בעש"ט אונ זייא האבען געזאגט מיט שרעק, וואס פערלאנגט איהר?

— אונזער פערלאנג איז — האט רבי ישראל בעש"ט געענטפערט — מיר זאלען ביא אייך האלטען שבת:

דאס איז אקלייניגקייט — האט דער שניידער געענטפערט — איך וועל אייך צונעהמען מיט גרויס כבוד, אבער איהר זענט אין אסכנה פון דיא נאסטיגע איינוואהנער, זייא וועלען אייך הרגענען:

— זארגט ניט וועגען דעם — האט דער בעש"ט געענטפערט, עס וועט אי"ה קיין שלעכטעס ניט זיין, רעדענדיג האט ער גענומען דעם יונגען מאן פאר'ן האנד אונ זייא זיינען אריינגעגאנגען אין שטוב:

דער בעל עגלה האט אויפגעוואכט פון שלאף, ער האט גענומען דיא חפצים פון וואגען אונ האט אריינגעטראגען אין שטוב אריין:

— עס איז צייט צוא דאווענען מנחה — האט ר' ישראל געזאגט — ביא דעם שניידער זיינען פאראן אכט מענשען אונ איך מיט דעם יונגען מאן זיינען אקוראד א מנין:

דער יונגער מאן האט דארטען געמוסט בלייבען ער האט צוא זיינע עלטערין ניט געקאנט געהען, ערשטענס ער האט מורא געהאט צוא גיין אין אויף דער גאס, דיא איינוואהנער זאלען איהם חלילה מכבד זיין מיט שטיינער אין קאפף, אונ צווייטענס: עס וועט פעהלען איינער צום מנין, רבי ישראל האט זיך באלד געשטעלט דאווענען מנחה מיט אזא געשרייא מיט אזא גרויסען רעש אז דיא הויז מענשען האבען זיך ערשראקען, אפילו דער יונגער מאן וואס ער האט שוין פיעל מאל געזעהען איהם דאווענדיג בעת ער איז געוועזען אין בראדי, נור אזא דאווענען האט ער געזעהען דעם ערשטען מאל. דיא דבקות פון בעש"ט איז געוועזען איבערנאטירליך, זיינע קולות האט זיך געהערט אויף דער גאס, עס זיינען פיל איינוואהנער געקומען צוא לויפען זעהען אונ הערען דיא געוואלדען וואס א יוד מאכט, זייא זיינען אויף דעם שטארק אין כעס געווארען, זייער צארין האט אין זייא געברענט וויא אפייער, — וואס טוהען דיא פרעמדע יודען ביא אונז אין גאס? — האבען זייא איינער דעם

אנדערען

אַנְדֶערֶען גִיפְּרֶעגְט, „לָאמִיר דָאס הויז אוּנְטֶערְצִינְדֶען" , הָאבֶּען עֶטְלִיכֶע פוּן טָאלְפַּא גֶעשְׁרִיעֶן, „לָאמִיר דָאס הויז צוּבְּרֶעכֶען" הָאבֶּען אַנְדֶערֶע גֶעזָאגְט , „נֵיין"! הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט אַגֶעשְׁרֵייא „דָאס זָאלֶען מִיר נִיט טְהָאן דֶען וואו וֶועלֶען מִיר נֶעהְמֶען אַזַא שְׁנַיידֶער וִויא אוּנְזֶער משֶׁה'סְקֶע אִיז? לָאמִיר אַרוּם רִינְגְלֶען דָאס הויז, אַרוּים שְׁלֶעפֶּען דִיא צְוֵייא יוּדֶען פוּן דָארְט אויף דֶער גַאס אוּנ זֵייא מִיט שְׁטֵיינֶער וַוארְפֶען בִּיז זֵייא וֶועלֶען גֶעהַרְגֶ'ת וֶוערֶען":

דִיא טָאלְפַּא הָאט פִּיל גְרוֹיסֶע שְׁטֵיינֶער אִין זֵייעֶרֶע הֶענְד גֶענוּמֶען, אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט דָאס הויז אוּנ זֵייא הָאבֶּען זִיךְ גֶעוָואלְט נֶעמֶען צוּ דֶער אַרְבֵּייט:

דֶער. יוּנְגֶער מַאן הָאט דָאס גֶעזֶעהֶען הָאבֶּען אִיהם אַלֶע גְלִידֶער גִיצִיטֶערְט וִויא פוּן אַ שְׁטַארְקֶען קַדַחַת, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִיא צֵייט וָואס עֶר וֶועט גֶעהַרְגֶ'ת וֶוערֶען:

דֶער שְׁנַיידֶער מִיט זַיין פַאמִילְיֶע הָאבֶּען אויךְ שְׁטַארְק זִיךְ עֶרְשְׁרָאקֶען פַאר דָאס טָאלְפַּא, דֶער שְׁנַיידֶער אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן שְׁטוּבּ צוּא זֵייא אויף דֶער גַאס, אוּנ הָאט זֵייא גֶעזָאגְט דִיא זֶעלְבִּיגֶע וֶוערְטֶער וָואס לוֹט הָאט גֶעזָאגְט צוּא דִיא מֶענְשֶׁען פוּן סְדוֹם בְּעֵת זֵייא זַיינֶען זַיין הויז בֶּעפַאלֶען צוּא הַרְגֶענֶען דִיא צְוֵייא מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען צוּא אִיהם גֶעקוּמֶען אַלֶעס גֶעסְט אִין אַמֶענְשִׁין גִישְׁטַאלְט:

בְּרִידֶער! – הָאט דֶער שְׁנַיידֶער גֶעזָאגְט מִיט טְרֶעהְרֶען – טְהוּט קֵיין שְׁלֶעכְטֶעס מַיינֶע גֶעסְט, זֵייא זַיינֶען מַיינֶע בְּרִידֶער זֵייא זַיינֶען גִיקוּמֶען צוּא מִיר נוּר זֶעהֶען וָואס אִיךְ מַאךְ, מָארְגֶען בַּייא נַאכְט וֶועלֶען זֵייא אַוֶועקְפָאהְרֶען:

– אַגְרוֹיסֶער יַחְסָן בַּייא אוּנְז אִין שְׁטָאדְט -- הָאבֶּען עֶטְלִיכֶע פוּן טָאלְפַּא גֶעשְׁרִיעֶן – עֶס אִיז דִיר וֶוייניג וָואס מִיר הָאבֶּען דִיר עֶרְלוֹיבְּט בַּייא אוּנְז אִין גַאס צוּא וָואהְנֶען, גֶעהְמְסְט דוּא נָאךְ אויף צְוֵייא פְרֶעמְדֶע יוּדֶען בַּיי זִיךְ צוּא הויז, שְׁנֶעל פִיהְר זֵייא אַרוֹים פוּן שְׁטוּבּ צוּא אוּנְז, וֶוען נִיט וֶועלֶען מִיר אויף דִיר קֵיין רַחֲמָנוּת הָאבֶּען:

דֶער שְׁנַיידֶער הָאט גֶעוָואלְט רֵיידֶען נָאךְ עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער, אָבֶּער אַגְרוֹיסֶער שְׁטֵיין אִיז פַארְבַּייא אִיהם גֶעפְלוֹיגֶען פוּן טָאלְפַּא, וֶוען דֶער שְׁטֵיין וָואלְט אִיהם גֶעטְרָאפֶען, וָואלְט עֶר בַּאלְד גֶעהַרְגֶ'ת גֶעוָוארֶען, נוּר דֶער שְׁטֵיין אִיז גֶעפַאלֶען אַבִּיסֶל וַוייטֶער פוּן אִיהם וואו עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען:

שְׁטַארְק עֶרְשְׁרָאקֶען הָאט זִיךְ דֶער שְׁנַיידֶער אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין הויז אוּנ הָאט דִיא טְהִיר פַארְשְׁלָאסֶען. אָבֶּער פִּיל פוּן טָאלְפַּא הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּא בְּרֶעכֶען דִיא טְהִיר מִיט גְרוֹיס גְבוּרָה:

– שְׁרֶעקְט אַייךְ נִיט – הָאט רַבִּי יִשְׂרָאֵל גֶעזָאגְט – זֵייא וֶועלֶען בַּאלְד אַנְטְלוֹיפֶען פוּן דַאנֶען, אוֹיבּ זֵייא וֶועלֶען הָאבֶּען כֹּחַ צוּא אַנְטְלוֹיפֶען. דֶער בִּירְגֶער וָואס הָאט זַיין הַאנְד נִיט גֶעלֵייגְט אויף דָאס הויז אִיהְר צוּבְּרֶעכֶען, וֶועט קַאפְּט הָאבֶּען בַּאלְד צוּא אַנְטְלוֹיפֶען, אָבֶּער דֶער בִּירְגֶער וָואס הָאט

שווי

שוין געבראכען דאס הויז, ער וועט פאלען אונ צוברעכען ביידע הענט, עס וועט אויף דער גאס ווערען אנגעשרייא אזויא וויא עס איז געוועזען אין מצרים צוא מכת בכורות...

דער בעש"ט האט געעפענט דיא טהיר, ער איז ארויסגעגאנגען אויף דער גאס, וויא דער בעש"ט האט דערזעהען דיא מענשען מיט דיא שטיינער אין האנד, האט ער אויף זייא אקוק געטהאן, איז געווארען בייא זייא ארעש אונ אמהומה, אנדערע זיינען אנטלאפען וויא איינער לויפט פון אטיגער אדער פון אנאנדער סכנה. לויפענדיג האבען זייא אנידערגעווארפען פיל מענשען אויף דער ערד, צובראכען זייערע הענד אונ פיס, דיא געשרייען איז געוועזען שרעקליך, אקוראד וויא דער בעש"ט האט געזאגט. פון גאנץ שטאדט איז מען געלאפען, זעהען וויא מענשען העלדען לויפען וואס קיינער יאגט זייא ניט אונ קיינער צעפעט זייא ניט, דיא גרויסע שטיינער האלטענדיג אין האנד שרייען זייא געוואלט ראטעוועט, אונ קיינער ווייס ניט דיא סבה דערפון:

עטליכע פון דיא דערשראקענע אנטלאפענע זיינען געקומען צום גרעסטין פראפעסאר אונ האבען איהם געבעטען הילף צוא זייער שרעק:

— פאר וועמען האט איר אייך אזויא שטארק ערשראקען? — האט דער פראפעסער געפרעגט?

— מיר ווייסען אליין ניט — האבען זייא געענטפערט, אונז האט זיך גערוכט אז ארום דעם יודען זיינען געשטאנען פייערדיגע לייבען, טיגער'ן, בערין, אונ גרויסע שלאנגען, דיא מיילער האבען זייא געהאלטען אפפען אונז אייך צוא שלינגען, אונז האט זיך גערוכט אז זייא יאגען אונז, זייער פייער האט אונז געברענט אין פנים:

— דער יוד — האט דער פראפעסאר געזאגט — איז אמכשף אדער אגעטליכער מאן, איך מוז איהם געהען זעהען אונ איהם גוט בעטראכטען:

דער פראפעסאר איז געוועזען זעהר געלערענט, אין יודישע זאכען, ער האט גוט פארשטאנען גמרא אונ קבלה, ער איז אוועקגעגאנגען צום שניידער זעהען מיט זיינע אויגען דעם וואונדערליכען געטליכען רבי ישראל בעש"ט. ער איז געקומען צום שניידער בעת דער בעש"ט האט מקבל שבת געוועזען מיט גרויס וואונדערליכע דביקות אונ מיט ארעש גדול, דער פראפעסאר איז געשטאנען אונ געקוקט וויא דער בעש"ט האט מקבל שבת געוועזען נאכדעם וויא ער האט מעריב געדאווענד, אונ געמאכט קידוש, געגעסען אונ געבענשט:

דיא גאנצע צייט איז דער פראפעסער געשטאנען אונ האט גוט בעמערקט וואס רבי ישראל האט געטהאן, זייא ביידע האבען קיין איינציגען ווארט גערעדט, דער בעש"ט האט אויף איהם אפילו איין קוק ניט געגעבען:

נאכען בענטשען האט דער פראפעסער געבעטען דעם שניידער דאס

מארגען פריה וויא דער בעש"ט וועט ברויכען אנפאנגען דאווענען זאל ער שיקען א מענשען אדער אליין קומען איהם אנזאגען, ווייל ער וויל זעהען וויא רבי ישראל דאווענט שבת אין דער פריה, דער שניידער פלעגט ארבייטען פאר דעם פראפעסער אונ פאר אלע שטודענטען זיינע תלמידים, דערפאר האט דער שניידער געוואלט ערפילען זיין בקשה, האט ער איהם פארשפראכען צו רופען מארגען וויא רבי ישראל וועט זיך נור שטעלען דאווענען, נאך דער הבטחה איז דער פראפעסער געגאנגען אהיים:

אויף מארגען האט דער שניידער אידיעה געגעבען דעם פראפעסאר דאס באלד וועט דער בעש"ט זיך שטעלען דאווענען, דער פראפעסער איז געקומען צום שניידער, ער האט געטראפען אקוראד וויא דער בעש"ט האט אנגעהויבען דאווענען, איז דער פראפעסאר געשטאנען דיא גאנצע צייט אונ האט זיינע אויגען ניט אראפגעלאזען פון בעש"ט אונ אזויא איז ער געשטאנען ביז דער בעש"ט האט געענדיגט דאווענען אונ האט אבגעגעסען אונ געבענשט:

דער פראפעסאר האט געבעטען דעם שניידער דאס צוא מנחה זאל ער איהם געבען אידיעה:

דער שניידער האט אזויא געטהאן, אונ דער פראפעסאר איז געקומען צוא מנחה ער האט שטארק געקוקט אויף דעם בעש"ט דיא גאנצע צייט וואס ער האט געדאווענט מנחה:

נאכדעם האט זיך דער בעש"ט געזעצט עסען דיא דריטע סעודה (שלש סעודות) אונ האט געזאגט א שטיק קבלה מיט אנ'פלאדיגע דביקות, דער יונגער מאן מיט דעם שניידער אונ זיינע מענשען זיינען שטארק נתפעל געווארען ניט דווקא איבער דיא קבלה וואס זייא האבען געהערט אונ ווייניג דערפון פארשטאנען, נור פון זיינע התלהבות פון דעם ליכטיגען פנים, דען זיין פנים האט געשיינט וויא דיא ליכטיגע שכינה, נור דער געלערנטער פראפעסאר האט יא פארשטאנען וואס דער בעש"ט האט געזאגט, דען ער איז געוועזען א געלערנטער מאן:

נאכדעם האט דער בעש"ט, נעדאווענט מעריב געמאכט הבדלה, געהייסען דעם בעל עגלה איינשפאנען דעם פערד אונ פאהרען:

דיא גאנצע צייט איז דער פראפעסאר געשטאנען אונ געקוקט, ער האט מיט דעם בעש"ט קיין ווארט גערעדט, אונ רבי ישראל האט מיט איהם קיין ווארט ניט גערעדט, אפילו ניט אקוק געגעבען אויף איהם:

וויא דער בעש"ט מיט דעם יונגען מאן זיינען אוועקגעפאהרען צוריק נאך בראד איז דער פראפעסאר געגאנגען אהיים:

דער שניידער מיט זיינע אלע מענשען האבען זיך דאריבער זעהער געוואונדערט, נור זייא האבען מורא געהאט צוא פרעגען דעם בעש"ט אונ

נאך מעהר מורא האבען זייא געהאט צוא פרעגען דעם פראפעסאר, טאמער וויל ער זייא דעם סוד ניט מגלה זיין וועט ער אויף זייא אין כעס ווערען פאר וואס זייא פרעגען איהם:

וויא דער בעל עגלה איז ארויסגעפאהרען פון שטאדט האט איהם דער בעש"ט געבעטען ער זאל זיך לייגען שלאפען, דיא לייצעס זאל ער אנבינדען אן דעם וואגען וועט דער פערד געהען וויא ער דארף זיין ער וועט שוין טרעפען דיא וועג:

דער יונגער מאן איז געזעסען אין וואגען מיט גרויס פארדרוס, ער האט ביי זיך געקלערט צוא וואס האט ער געברויכט פאהרען אין פוזנא אומזאנסט, האבען שרעק אונ הארץ ווייטאג, דיא עלטערען האט ער ניט געזעהען, ער האט געזאגט צום בעש"ט: ליבער רבי! אז איהר זייט אזיילינגער געטליכער מאן דאס האב איך פריהער אויך געוואוסט, אויב צוא ליב דעם האט איהר מיר מיטגענומען חזיען מיר אייערע וואונדער, ווייס איך פון אייך גרעסערע וואונדער, מיינע עלטערין האב איך ניט געזעהען נור זייער הויז פון ווייטען, איך בין געבליבען צוא אמענשען וואס איז זעהער דארשטיג ער שטייט אין אטייך אונ ער וויל אטרונק טאן האלט איהם אייגער צוא זיין קאפ אונ לאזט איהם ניט טרינקען... דערפאר בעט איך אייך איהר זאלט מיר לכל הפחות ערקלערען דיא פיער זאכען, כדי מיין פאהרען זאל ניט זיין נאר אומזאנסט, דאס ערשטע פאר וואס האט איהר ניט געוואלט אז איך זאל מיך זעהען מיט מיינע עלטערין? דאס צווייטע: וואס איז געוועזען דיא אורזאכע וואס דער פערד האט זיך אבגעשטעלט צוא וויסען דיא הויכע גראז כדי איהר אונ איך זאלען טרינקען פון דאס וואסער, דאס איז ניט נאר פשוט:

דאס דריטע: וואס האט איהר מיט דעם אלטין קרעטשמער מאן זיך אזויא שטארק געפרייעט, מעהר וויא צוויא ברידער, האט איהר אייך מיט איהם געקושט דאס איז אויך ניט נאר פשוט:

דאס פיערטע: וואס איז געוועזען דער ציעל פון אייער פאהרען אין פוזנא? —

אויף צוויא פראגען — האט רבי ישראל בעש"ט געענטפערט וועל איך דיר באלד ענטפערין, אונ דיין ערשטע פראגע וועט מארגען פארענטפערט ווערין אין בראד, אונ אויף דיין פערטע פראגע וועסט דוא וויסען איין ענטפער מיט דער צייט:

אויף די פראגע פאר וואס דער פערד האט זיך אבגעשטעלט ביי דיא גראז, דארפסט דוא וויסען אז אמאל זייען דארטען צווישען דיא גראז באגראבען געווארען צוויא יודען וואס גזלנים האבען זייא געהרגת, זייערע נשמות האבען דורך אונזער ברכה אויף דאס וואסער, געהאט אתיקון מיט אעליה:

אויף דיא פראגע פאר וואס האב איך מיר אזויא שטארק געפרייט מיט

 דעם

דעם אַלטען מאַן? זאָלסט דוא וויסען אַז ער איז משיח צדקנו, קלעהרער קאַן איך דיר ניט זאָגען, איך האָב אויף דעם קיין רשות:

זאָנטאָג אין דער פריה צום דאַווענען זיינען זייא געקומען אין בראָד. דיא גאַנצע שטאָדט האט געערעדט פון דיא קפיצת הדרך וואָס רבי ישראל האָט געהאט. אין איין נאַכט קומען פון פוזנא קיין בראָד. וואָלט אַפוינעל אויך ניט קענען, אונ זייער בעל עגלה איז אָפּגעפאָהרען אין איין נאַכט וואָס געוועהנליך דאַרף מען אַכט טאָג:

אין בראָד האט זיך דער יונגער מאַן דערוואוסט דאָס ביי זיינע עלטערין אין פוזנא האָט געטראָפען אַ אונגליק, דיא דאָרטיגע איינוואָהנער האָבען געמאַכט אויף זיינע עלטערען אַבלבול דאָס זייא האָבען געהרגת זייער אַקינד צוגעהמען זיין בלוט אויף פסח. דיא עלטערין האָט געלונגען צוא אַנטלויפען, דיא איינוואָהנער זיינען געזעסען ביי זיינע עלטערין צוא הויז, ווען זייא האָבען געטראָפען אַריינגייענדיג אין הויז האָבען זייא חושד געווען דאָס יענער גייט נעהמען בלוט האָבען זייא איהם אַרעסטירט, געפייניגט ער זאָל זיך מודה זיין:

– יעטצט פאַרשטייא איך – האָט דער יונגער מאַן געזאָגט צוא זיך אַליין – פאַר וואָס רבי ישראל האָט מיר ניט געלאָזט גיין צוא מיינע עלטערין.

דער יונגער מאַן איז געווען אַגרויסער מופלג אין נגלה אונ אין נסתר. זיין שווער איז געווען אַגרויסער גביר אונ זיינע געשעפטען זיינען געווען פאַרברייטערט אין פיל דייטשע גרויסע שטעדט, אַמאָל האָט דער שוועהר איהם געשיקט וועגען געשעפט אין אַגרויסע שטאָדט אין דייטשלאַנד. דער יונגער מאַן איז אַהין געקומען אויף שבת. אונ אַזויא וויא דער יונגער מאַן איז געווען זייער רייך אונ שטאַרק פרום, האָט ער געוואָלט זיין שבת ביא דעם רב פון שטאָדט. ניט אומזאָנסט, חלילה, נור פאַר מזומן געלד, ער האָט געפרעגט ביא איינעם וואו דער רב וואָהנט, האָט איהם יענער געוויזען:

– איז אייער רב אַגרויסער למדן? – האָט דער יונגער מאַן געפרעגט ביא דעם שטאָדטיגען:

– אַגרויסער למדן – האָט יענער געענטפערט. זיין נאָמען איז ר' אברהם גר צדק, ער איז אַגאון עולם אונ קאַן שבע חכמות, דען אַמאָל איז ער געווען אַגרויסער פּראָפעסאָר אין דער שטאָדט פוזנא:

דער יונגער מאַן האָט זיך ערינערט אַז דאָס איז געווים דער פּראָפעסאָר וואָס האָט אַמאָל געקוקט אויף דעם בעש"ט, ער איז באַלד אַוועקגעגאַנגען צוא איהם. זייא האָבען זיך ביידע באַלד ערקאַנט, דער געוועזענער פּראָפעסאָר האָט דעם יונגען מאַן ערצעהלט דאָס צוא ליב איהם איז דער בעש"ט געקומען אין פוזנא. אונ וויא אַזויא ער איז געוואָרען אַ רב. נור ער האָט זיינע חיוני (לעבענסמיטעל):

יעצט פארשטייא איך – האט דער יונגער מאן געטראכט בייא זיך אין הערצען – צוא וועלכען ציעל (תכלית) דער בעש"ט האט מיר דערמאהנט מיט גענומען נאך פוזנא, דאס איז נור געוועזן כדי איך זאל יעטצט דעם רב העלפען:

דער יונגער מאן האט דעם רב בייך געמאכט או יענער האט גילעבט אין עושר אונ גדולה:

## כה) פארענטפערט אלע קשיות.

הגאון רבי דובער פון מעזיריטש, עהדער ער איז געווארען א תלמיד מובהק בייא רבי ישראל בעש"ט, פלעגט ער אלע יאהר פאהרען אין קארילסבאד, דען ער האט געהאט שוואכע קראנקע פיס, יעדען מאל פלעגט ער בעזוכען דעם הגאון בעל „פני יהושע":

דער פני יהושע האט דעם בעש"ט קיין מאל ניט געזעהען, נור רבי דובער המגיד הגדול פלעגט איהם ערציילען פון דעם בעש"ט אבער קיין נוטעם, דער רבי דובער האט געהאט פיל קשיות אויף דעם בעש"ט מיט זיינע ספרים, נוא פארשטייט יעדער אז מען פרעגט אויף איינעם קשיות אונ תירוצים זאגט יענער ניט, בלייבט אויף יענעם א שלעכטין מיינונג, די קשיות וואס רבי דובער האט אויף דעם בעש"ט געפרעגט, האט דער „פני יהושע" אויך ניט געקאנט פארענטפערין.—.

אמאל איז דער „פני יהושע" געזעסען אין זיין בית המדרש אונ האט געלערינט מיט זיינע תלמידים, איז א מענש צוגעפאהרען צום בית המדרש אונ ער האט געשיקט זיין משרת זאגען דעם בעל פני יהושע דאס ער זאל באלד צוא איהם ארויס געהען, וויל ער האט איהם צוא זאגען א גרויסען סוד וואס דאס איז נוגע צוא גאנץ שטאדט:

דער בעל פני יהושע איז ארויסגעגאנגען צום מענשען, ער האט דעם מענשען געגעבען שלום אונ געפרעגט, וואס איז דאס פאר א סוד?

– איהר זאלט וויסען – האט דער מענש געענטפערט דאס אייער שוחט איז מאכיל טרפות, שיקט נאך איהם אונ רעדט מיט איהם, וועט ער זיך מודה זיין, וועט איהר ראטעווען די שטאדט פון טרפות:

דער מענש וויא ער האט געענדיגט ריידען, איז ער שנעל אוועקגיפאהרין אזויא שנעל אז דער פני יהושע האט מעהר קיין צייט געהאט איהם צוא פרעגען ווער ער איז:

דער גאון בעל פני יהושע האט זיך שטארק געוואונדערט אויף די נייעס. ער האט באלד געשיקט רופען דעם שוחט, אונ דער שוחט האט זיך מודה געוועזן אויף זיינע חטאים:

דער

דער בעל פני יהושע האט פארשטאנען אז דער מענש וואס האט איהם מגלה געווען דעם סוד איז ר' ישראל בעש"ט:

אין איינינע חדשים שפעטער איז דער בעש"ט צוגעפאהרען צום בהמ"ד וואו דער „פני יהושע" איז געזעסען און האט געשיקט זיין משרת ארויסרופען דעם בעל פ"י. דער גאון איז באלד ארויסגעגאנגען צוא איהם און ער האט איהם דערקאנט אז דאס איז דער זעלביגער מענש וואס ער האט שוין איין מאל געזעהען:

— איך בעט אייך — האט דער בעש"ט געזאגט — אז דער גאון ר' דובער פון מעזיריטש פאהרענדיג אין קארלסבאד וועט קומען צוא אייך, זאלט איהר איהם זאגען אין מיין נאמען דאס ער קאן אנדערש ניט געזונד ווערען אויף זיינע פיס שיידען ער זאל קומען צוא מיר. רייידענדיג איז דער בעש"ט אזויא שנעל אוועקגעפאהרען אז דער בעל פ"י האט שוין קיין צייט געהאט איהם צוא פרעגען זיין נאמען. נור דער גאון האט געוואוסט אויף געווים, אז דאס איז רבי ישראל דער בעל שם טוב:

אין איינינע חדשים שפעטער איז דער גאון רבי דובער געפאהרען אין קארלסבאד האט ער בעזוכט דעם בעל פני יהושע וויא זיין שטיינער איז געווען.

דער גאון בעל פ"י האט רבי דובער'ן ערצעהלט דיא מעשה וואס דער אונבעקאנטער מענש האט איהם געזאגט, האט רבי דובער אויך געזאגט אז דאס איז געווים דער בעש"ט:

— מיין עצה וואלט זיין — האט דער בעל פ"י געזאגט, דאס איהר זאלט פאהרען צום בעש"ט, אולי ירחם ה', אפשר דארף קומען אייער רפואת דורך איהם:

— איך וועל אייך פאלגען — האט רבי דובער געענטפערט — ווייל דאס איז ניט אפשוטה זאך:

רבי דובער איז אוועקגעפאהרען צום בעש"ט, מיט זיין גאנסע קאפ האט ער משיג געווען אז ער קאן ניט משיג זיין דעם בעש"ט. איז ער געווארין זיין תלמיד און האט פון איהם געלערענט סודות התורה:

— נאך איין מאל מוסט דוא פאהרען אין קארלסבאד — האט דער בעש"ט צוא איהם געזאגט — נאכדעם וועסט דוא ווערען געזונד און פריש:

דער גאון רבי דובער האט געפאלגט און ער איז געפאהרען נאך קארלסבאד, ער האט בעזוכט דעם גאון בעל פני יהושע, און זייא האבען גערעדט פון בעש"ט, דער מעזעריטשער האט געריהמט דעם בעש"ט, ער האט אויף איס געזאגט דאס ער איז גרויס אין לערנען וויא איינער פון דיא תנאים —. דער גאון בעל פני יהושע האט איהם געפרעגט, וואו זיינען געבליבען אלע קשיות וואס איהר האט אמאל געפרעגט אויף דעם בעש"ט? האט ער אייך פארענטפערט?

דיא

— דיא אַלע קַשיות — האט הגאון רבי דובער געענטפערט — האב איך אמאל געפרעגט, ווייל איך האב איהם גערעכענט אַז ער איז אמענש ווי אַלע מענשען, אָבער יעטצט ווי איך קאן איהם אַז ער איז העכער ווי אַלע מענשען נור ווי אמלאך, זיינען דיא קשיות דערמיט פאר ענטפערט וואס מיר קענען איהם ניט משיג זיין, ער שטייט העכער פון אונזער השגה, ער זאגט סודות התורה וואס אין קיין ספר איז דאס ניט פאראן:

וואויל איז דעם דור וואס האט זוכה געוועזען אַזא בעל מופת, און גוט איז יעדען מענשען וואס פארשטייט איהם צוא שעטצען און צוא גיין אין זיינע וועגען, און פאלגען אַלץ וואס ער האט איבערגעגעבען זיינע היילינע תלמידים זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל. אמן:

## כו) דער בעש"ט אין אַהייל:

רבי ישראל בעש"ט האט זייער שטארק געוואלט פאהרען אין ארץ ישראל, נור פון הימעל האט מען איהם ניט געלאזען:

אמאל איז צוא איהם געקומען אַ שד, ער איז געוועזען פארשטעלט אקוראַד ווי אמענש און ער האט צוא איהם אַזוי געזאגט: איך ווייס אַז איהר ווילט פאהרען אין ארץ ישראל, און איהר דארפט וועלען אַהין קומען, דארטען וועט נאט זיך צוא אייך בעווייזען אַזוי ווי ער האט זיך בעוויזען צוא דיא נביאים, אַקליינינקייט אַזא היילינע לאנד, יעדער זעמדעלע יעדער שטיינדעלע אַוואו איהר טרעט איז היילינ, מיר האט נאט ענטדעקט אַהייל וואס דורך איהר וועלען מיר קענען שנעל קומען אין ארץ ישראל, דיא הייל ציהט זיך פון דאנען דורך דער ערד אַז ביז דארטען, און דאס איז אַקורצע וועג צוא קומען אַהין:

רבי ישראל בעש"ט האט דערפון נעהאט אַזוי פיל התפעלות אַז ער האט גאר ניט באמערקט מיט וועמען ער רעדט. ער איז באלד מיט איהם געגאנגען אין הייל אַריין:

דעם גאנצען טאג זיינען זייא געלאפען אין הייל, וואס ווייטער וועדט אַלעם פינסטערער:

— וויא לאנג נאך וועלען מיר לויפען? — האט רבי ישראל בעש"ט גיפרעגט — איך בין שוין שטארק פארמאטערט, איך וויל מיך אפרוהען:

— אט באלד קומען מיר אין ארץ ישראל — האט דער שד געענטפערט — מיר זיינען שוין ניט ווייט פון דארטען, מיר דארפען נור אַריבערגעהן דעם ברעט וואס ליגט אויף דעם טיפען זומפף.

בייעדיג איז דער שד אַרויפגעשפרונגען אויף דעם ברעט. ער האט נור געוואלט אַז רבי ישראל בעש"ט זאל אַרויף גיין אויף דעם ברעט, וואלט ער איהם

אריינגעשטופט

ארייַנגעשטופט אין בלאטע, ער וואלט דארטין געבליבען ליגען, ער וואלט קיין מאל ניט געקענט ארויס פון זומפף. קיין מענש וואלט ניט געוואוסט וואו רבי ישראל בעש"ט איז געבליבען, וואו ער איז פערפאלען געווארין, קיינעם וואלט ניט איינפאלען אים דארט צו זוכען:

נאך איין רגע וואלט דער שד איהם ארויפגענארט אויף דעם ברעט, נאר וויא רבי ישראל בעש"ט האט געוואלט ארויפגעהען אויף דעם ברעט, איז פלוצלונג געקומען אליהו הנביא, ער האט דעם בעש"ט אנגענומען שטארק פאר דיא הענד אונ ער האט איהם ניט געלאזען גיין אויף דעם ברעט וויא דער שד האט געוואלט:

אין יענעם אויגען בליק האט רבי ישראל בעש"ט פארשטאנען אז א שד האט איהם געוואלט פארפיהרען, האט ער ארויסגערעדט א שם איז דער שד פארשוואונדען געווארען:

אליהו הנביא האט איהם ארויסגעפיהרט פון הייל, אונ געבראכט איהם אהיים בשלום*):

## כז) דער בעש"ט מאכט כשר אשעפס.

אין דער שטאדט טארנאפאל זיינען געווען פיל מתנגדים אויף דעם היילינען רבי ישראל בעש"ט.

אמאל

*) וואס פאר טיפע כונות עס ליגען בעהאלטען אין דעם ספור, אונ וואס פאר שיינע מדות אמענש קאן זיך דערפון אפלערנען, דאס ערשטע, אמענש, ער מעג זיין אזויא גרויס וויא אמלאך, אט וויא רבי ישראל בעש"ט איז געווען, דארף ער ניט וועלען דאס וואס ער קאן ניט ערריכען, רבי ישראל בעש"ט האט געוואוסט דאס אין הימעל וויל מען ניט ליידען פאר וואס ער וויל פאהרען אין ארץ ישראל, האט ער גאר ניט געברויכט טראכטען וועגען דעם, ניין, איז ניין... צווייטענס! אז אמענש וויל טהון אזאך געגען דעם רצון הבורא געפינט זיך א שד וואס וויל איהם פארפיהרען אין אבלאטטע, דריטענס! אמענש וואס ער טהוט דארף ער טהון אפפען, ניט בסתר... אט למשל ניט וועלען געהען אונטער דער ערד, דורך אהייל וואס קיין מענש געהט דארט ניט, אונ ווען אמענש וויל טהון אזא זאך וואס מענשען דארפען דאס ניט וויסען, איז פיל בעסער זאל דיא זאך ניט טהון, וועט ער זיך ערשפארען פארדרוס... פיערטענס! פון גאט קאן מען זיך ניט באהאלטען, ווייל ער זעהט אומעטום, פינפטענס! דעם צדיק היט גאט, ער איז איהם מציל ווען אפילו על פי טעות פאלט ער אריין צוא אשד אין האנד וואס ער וויל איהם טרינקען אין אטיעפען זומפף, זעכסטענס! דער גראסטער צדיק קאן אמאל האבען אטעות, אבער „אליהו הנביא" דאס הייסט זיינע ריינע היילינע מחשבות, אפנען איהם באלד דיא אויגען, ער זעהט, ערקאנט זיין טעות, אנטלויפט ער פון שד, אונד ראטעוועט זיין נשמה, דא זאל ניט פארפלעקט ווערען, אונ נאך מדות טובות, וואס איך קאן זייא דא ניט שרייבען, קאן דער קלוגער לעזער אפלערנען פון דעם ספור...

ששי

אמאל איז רבי ישראל בעש"ט געקומען אין טארנאפאל, האט איינער פו זיינע מתנגדים געוואלט מאכען אשפאס פון איהם, דער לץ האט געוואוסט דאס רבי ישראל בעש"ט עסט קיינע פלייש שידען ער אליין איז בודק דיא געקוילעטע בהמה, זיין בדיקה איז געווען אזויא! וויא דער שוחט האט געקוילעט דעם אכם אדער אשעפס, פלעגט ער עפענען דיא בויך אונ רבי ישראל בעש"ט פלעגט זיין האנד אריינשטעקען אינעווענינ, אטאפ געבען דיא לונג אונ האט געזאגט כשר, אדער ניט כשר*).

פרייטאג אין דער פריה האט דער שוחט געקוילעט אשעפס, רבי ישראל בעש"ט האט בודק געווען, וויא זיין שטייגער פלעגט זיין, אונ האט געזאגט, כשר אונ באלד אוועקגעגאנגען:

דער שוחט איז אריינגעגאנגען אין שטוב ווארטען ביז מען וועט אפשינדען דעם פעל פון שעפס, וועט ער נאכדעם בודק זיין:

דערווייל איז געקומען יענער לץ, ער האט ארויסגענומען דעם לונג אונ מיט אקוילעכדיגען שטיק אייזען האט ער דורכגעבויערט אלעכעל אונ האט דעם לונג צוריק אריינגעלייגט אין שעפס:

דער שוחט האט פון קיין זאך ניט געוואוסט ער האט בודק געווען דעם שעפס אונ ער האט געפונען אלעכיל אין לונג, האט ער געווארט ביז רבי ישראל בעש"ט איז געקומען, דער שוחט האט איהם געוויזען דיא לעכיל אין לונג, רבי ישראל בעש"ט האט נוט בעטראכט אונ נאכדעם האט ער געזאגט, „כשר, פון דיא שעפס זאל מען קאכען פאר מיר לכבוד שבת":

דער שוחט האט גענומען דעם לונג, אונ אוועקגעטראגען צום רב, ער זאל מיט זיינע אויגען זעהען, דיא לעכיל, אונ ער האט איהם ערציילט וויא רבי ישראל בעש"ט האט פריהער בודק געווען אונ האט געזאגט כשר. אונ נאכדעם אז ער האט געזעהען דיא לעכיל האט ער קיין חרטה ניט געהאט אונ האט נאך אמאל געזאגט כשר, אונ אז איך האב איהם געבעטען: ער זאל גוט בעטראכטען דיא לעכיל אין לונג, האט ער געענטפערט: דאס איז אמשוגעת. אט פון דיא שעפס וויל איך עססען:

דער רב איז זייער שטארק נתפעל געווארען, ער האט זיך זייער געוואונדערט צוא הערען אז דער בעש"ט האט „כשר" געמאכט „אטרפה" שעפס, עס איז געווארען ותהום כל העיר, דיא גאנצע שטאדט האט דערפון גערעדט, אלע האבען געזאגט אז רבי ישראל בעש"ט וועט היינטיגען שבת עססען טרפה פלייש:

דער רב האט ניט געוואלט, ער האט באלד צוזאמענגערופען דיא ראשי הקהל

*) דיא גרויסע מענשען היטען זיך ארויסצורייד[ע]ן פון זייער מויל דיא ווערטער מיט „טמא", וויא זאגען דעם היפך דערפון „ניט כשר" „ניט טהור", יזל"ם:

הקהל. זיך א עצה האלטען וואס פאר אבזיון צוא מאכען דעם בעש"ט:

דיא פני העיר האבען זיך באלד פארזאמעלט צום רב אין שטוב, באקלעהרען אונ בעשטימען דיא שטראף פאר רבי ישראל בעש"ט:

איינער פון זיינע גוטע פריינד, איז געקומען צוא איהם ערציילען פון דיא אסיפה...

– דארף איך אבקומען פאר אמשוגענעם? – האט רבי ישראל געענטפערט – קאן איך אפהאלטען אלע משוגעים וואס ווילען מאכען לעבעלעך אין אלונג נאך דער שחיטה? איך האב אגוטען טאפ געגעבען דעם לונג, דענסטמאל איז דארטען ניט געוועזן קיין לעבעל, נאכדעם אז אמשוגענער מאכט אלעבעל אין לונג, וועל איך דערפאר האבען בזיונות פון רב אונ פון ראשי הקהל? גיין דאס גלויב איך ניט, דער אמת וועט זיך בעווייזען ווער עס האט גערעכט, איך אדער זייא:

דער לץ וואס האט געמאכט דיא לעבעל אין לונג, וואס צוא ליב דעם איז געווארען דער רעש. יענער לץ איז באלד בעשטראפט געווארען, ער איז געווארען משוגע אבער שטארק משוגע. דיא שטיק אייזען מיט וועלכע ער האט געמאכט אין לונג דיא לעבעל האט ער געהאלטען אין האנד, ער איז ארייגעלאפען צום רב אונ ער האט געזאגט צוא אלעמען, אט מיט דעם זעלבינען קאלעבדיגען שטיק אייזען וואס איך האב געמאכט אלעבעל אין לונג, וועל איך מאכען בייא אייך לעבלעך אין קאפף:

זייא האבען בייא איהם צוגענומען דעם אייזען אונ געמאסטען דיא לעביל אין לונג, האבען זייא געזעהען דאס דיא לעבעל אין לונג איז אזויא גרויס אקוראד וויא דיא גרעב פון אייזען, דענסטמאל האבען זייא דערקאנט דיא הייליגקייט פון רבי ישראל בעש"ט אונ זייא האבען אנגעפאנגען צוא גלויבען אז ער איז אגעטליכער מאן...

דער לץ איז אלאנגע צייט געוועזן משוגע, נאכדעם האט רבי ישראל בעש"ט געהאט אויף איהם רחמנות, האט ער איהם געזונד געמאכט:

## כח) דעם בעש"טס געלעכטער:

עס האט אמאל געטראפען פרייטאג צונאכט איז רבי ישראל בעש"ט מיט אלע זיינע תלמידים זיינען געזעסען בייא טיש. דער בעש"ט באלד נאך קידוש האט ער געלאכט מיט אלע זיינע קרעפטען:

דיא תלמידים האבען געהאט מורא צוא פרעגין פאר וואס ער לאכט, זייא האט זיך געדוכט אז ער לאכט אומזאנסט, זייא האבען קיין אורזאכע ניט געזעהען פאר וואס ער דארף לאכען:

אין אווייל שפעטער האט ער נאך אמאל געלאכט, עס האט לאנג ניט

נעדויערט

געדויערט האט ער אדריטען מאל געלאכט:

זיינע אלע תלמידים האבען זיך דאריבער זייער געוואונדערט, ווייל זייא האבען פון איהם קיין מאל ניט געזעהען אזא זאך:

דער שטייגער פון בעש"ט איז געוועזן, דאס נאך הבדלה פלעגט ער פארדרייבערן אלולקע, אונ זיין תלמיד הרב ר' זאב קיצעס פלעגט אריינגיין צו איהם אין חדר אונ פרעגען אלעס וואס דיא תלמידים האבען דעם גאנצען שבת ניט פארשטאנען ער זאל זייא ערקלעהרען:

– זאגט מיר רבי – האט ר' זאב קיצעס געפרעגט – פאר וואס האט איר געכטען דרייא מאל געלאכט? דאס איז געוויס ניט נאר גלאט אזויא אומזיסט...

– מארגען וועל איך אייך ווייזען פאר וואס איך האב געלאכט – האט דער בעש"ט געענטפערט, וועט איהר זעהען אז איך האב בעדארפט לאכען:

דער שטייגער פון בעש"ט פלעגט זיין אז אלע מאל נאך הבדלה פלעגט ער פאהרען שפאצירען הינטערן שטאדט, ער האט דעם מאל באפוילען זיין קוטשער ער זאל שפאנען דיא גרויסע קארעטע. דער בעש"ט האט מיטגענומען אלע זיינע תלמידים זייא זיינען דיא גאנצע נאכט געפאהרען, אהן צוא וויסען וואוהין זייא פאהרען.

אין דער פריה זיינען זייא געקומען אין דער גרויסע שטאדט קאזעניץ, איז דער בעש"ט אריינגעפאהרען צום פרנס חדש:

אין גאנץ שטאדט איז געווארען אגרויסער רעש, יעדער האט גערעדט פון בעש"ט. ווייל דענסטמאל איז ער שוין געוועזן מיט אגרויסען נאמען אויף דער וועלט, פיעל זיינען געקומען זעהען זיין הייליגען ליכטיגען פנים:

אז רבי ישראל בעש"ט האט אבגעדאווענט, האט ער געזאגט צוא דעם פרנס חדש, איך פערלאנג פון אייך דאס איהר זאלט שיקען רופען ר' שבתי דעם איינבינדער:

– וואס דארפט איהר דעם אלטען מאן? – האט דער פרנס חדש גיענטפערט בייא אונז אין שטאדט האלט מען איהם אפילו פאר אפיינעם מענשען, נור לערנען קאן ער נאר ניט, פאר אייך רבי איז אקליינער כבוד צוא שיקען רופען אזא פראסטען מענשען:

– איך האב איהם גאנץ נייטיג – האט רבי ישראל בעש"ט געזאגט איך מוז מיט איהם ריידען:

אשליח מיוחד איז געגאנגען איהם רופען מיט זיין ווייב צוזאמען, אזויא האט רבי ישראל בעש"ט פארלאנגט. ווייא זייא זיינען געקומען האט דער בעש"ט געזאגט צוא איהם: שבתי דערציייל פאר אונז, אלע זאלען הערען, וואס דוא האסט געטהאן פרייטיג צוא נאכט, נור דעם אמת זאלסט דוא זאגען, קיין זאך ניט פארלייקענען – דיא תלמידים אונ דער פרנס חדש זיינען צוגעגאנגען

גענטער כּדי זייא זאָלען הערען וואָס שַׁבְּתי וועט ערצייילען:

– איך וועל אייך ליבּער רַבּי אַלץ ערצעהלען – האָט ר' שַׁבְּתי געענטפערט. אויב איך האָב חָלִילָה געזינדיגט וועט איהר מִיר אַרויסגעבּען אַתְּשׁוּבָה. פון דער צייט וואָס איך האָב חַתוּנָה געהאַט האָב איך פאַרדינט פון אַיינבּינדערייא, דיא געשעפטען זיינען אַמאָל געוועזען זייער גוט. פלעג איך אַלע דאָנערשטאָג איינקויפען אַלץ אויף שַׁבָּת, חַלָּה, פִישׁ, פלייש, ליכט, א. ז. וו. פרייטאָג צעהן אין דער פריה האָב איך מעהר ניט געאַרבּייט איך פלעג אַוועק גיין אין קלויז, דאָרטען האָב איך געזאָגט שִׁיר הַשִּׁירִים אונ תִּקּוּנֵי שַׁבָּת, איך פלעג בּלייבּען אין קלויז בּיז בּייא נאַכט נאָכ'ן דאַווענען, אַזויא האָב איך מיך נוֹהֵג געוועזען בּיז מיינע עלטערע יאָהרען, יעטצט האָב איך מעהר קיינע קרעפטען צוא האָרעווען, איך קען כּמעט גאָר ניט פאַרדינען. דאָנערשטאָג קאָן איך שוין ניט אַיינקויפען אויף שַׁבָּת, נור דיא מִצְוָה וואָס איך פלעג אַלע מאָל טהון, נעמליך פרייטאָג צעהען אַזייגער אין דער פריה אַוועקגיין אין בּית הַמִּדְרָשׁ, האָב איך אַלע מאָל מְקַיֵּים געוועזען. דעם פערגאַנגענעם פרייטאָג צען אין דער פריה האָב איך קיין פְּרוּטָה געהאַט צוא געבּען מיין ווייבּ אויף שַׁבָּת, אונ איך האָב קיין מַרְאֶה מָקוֹם ניט געהאַט וואו צוא געהמען געלד אֲפִילוּ אויף חַלָּה צוא קויפען, בּעטען אַנְדָבָה קאָן איך ניט, איך האָב קיין מאָל ניט געבּעטען פון אַמענשׁין ער זאָל מיר העלפען, נור בּייא דעם רבונו של עולם, אונ אַז איך האָב געזעהען דאָס נאָט וויל מיר גאָר ניט געבּען אויף שַׁבָּת, מִסְתָּמָא דאַרף איך ניט, איז בּייא מיר געבּליבּען דער הֶסְכֵּם בּעסער וועל איך פאַסטען דעם שַׁבָּת, איידער בּעטען נְדָבוֹת, הילף פון לייטען, נור איך האָב מוֹרָא געהאַט, טאָמער וועט מיין אַלטע ווייבּ זיך ניט קענען אַיינהאַלטין, זיא וועט דערצייילען דיא שְׁכֵנִים, וועלען זייא איהר געבּען חַלָּה, אונ אַנדערע מַאֲכָלִים, האָב איך איהר געבּעטען אַז זיא זאָל פון קיין מענשען גאָר ניט נעהמען, זיא האָט מיר צוגעזאָגט אַזויא צוא טהאָן, איך ווייס אָבּער אַז אונזערע יודען זיינען הייליגע אונ גרויסע בַּעֲלֵי צְדָקוֹת, האָב איך געקלעהרט טאָמער וועלען זייא פאַרשׁטיין אַז איך האָב אויף שַׁבָּת גאָר נישט, וועלען זייא מיין ווייבּ שׁטאַרק בּעטען צוא נעהמען חַלָּה א. ד. ג. האָב איך איר בּעשוואָרען אונ גענומען בּיי איר אַתְּקִיעַת כַּף דאָס זיא זאָל פון קיינעם גאָר נישט נעהמען, פאַר מיין אַוועקגעהען אין בּית הַמִּדְרָשׁ האָב איך געזאָגט צוא מיין ווייבּ דאָס היי'נט בּייא נאַכט וועל איך קומען אַהיים שׁפּעטער וויא אַלע פרייטאָג צוא נאַכט, ווייל איך האָב מוֹרָא טאָמער געהענדיג פון בּית הַמִּדְרָשׁ וועט איינער פרעגען פאַר וואָס בּרענט בּייא מיר קיין ליכט, וואָס וועל איך איהם קענען ענטפערען, ? וועל איך דערפאַר אָפּוואַרטען אין בּית הַמִּדְרָשׁ בּיז אַלע וועלען שוין זיין געקומען צוא זיך אַהיים, נאָכדעם וועל איך קומען צוא

הויז

הויז און מיר ביידע וועלען מקבל באהבה זיין אלעס וויא גאט וויל:

אז איך בין אוועקגעגאנגען אין בית המדרש האט מיין אלטעצקע אויפגערעמט דיא שטוב לכבוד שבת, האט זיא געפונען א אלטען יאקעל וואס זיא האט איהם שוין פון לאנג אן געזוכט, אין יאקעל זיינען געווען זילבערנע קנעפליך איינגענייט און פון אויבען מיט גאלד וויא דיא פארצייטיגע ווייבער פלעגען טראגען, זיא האט דאס גאלד פארקויפט, און פאר דיא געלד האט זיא געקויפט גרויסע ליכט. ווייל איך האב איהר געזאגט דאס איך וועל קומען שפעט, זיא האט אויך געקויפט חלה פיש פלייש, און אביסעל געלד איז איהר נאך איבערגעבליבען אויף נאך שבת:

שפעטלעך בייא דער נאכט בין איך געגאנגען פון בית המדרש אהיים, איך האב פון וויטען געזעהען דאס בייא מיר צוא הויז ברענען גרויסע ליכט, האב איך געזאגט צוא זיך אליין: מיין אלטע האט זיך ניט געקאנט אפהאלטען פון נעהמען נדבה, איך בין געקומען אהיים האב איך געפונען געגרייט אטיש מיט פיל גוטעס, וויין אויף קידוש, איך האב ניט געוואלט פארשטערין דעם שבת, האב איך מיר שטארק אפגעהאלטען ניט צוא ריידען דערפון, איך האב געענדיגט דעם קידוש. האט זיא פארשטאנען אז איך בין ניט אזויא פרייליך וויא אלע מאל, האט זיא צוא מיר געזאגט: דוא געדיינקסט אז אלאנגע צייט האב איך געזוכט מיין אלטען יאקעל מיט דיא זילבערנע קנעפ, היינט אין דער פריה וויא דוא ביזט אוועקגעגאנגען אין בית המדרש האב איך איהם געפונען, דיא קנעפ האב איך פארקויפט און פאר דאס געלד געמאכט שבת:

פון גרויס שמחה האב איך געוויינט, און איך האב געדאנקט און געלויבט צוא השם יתברך וואס איך האב זוכה געווען צוא מאכען שבת אהן דיא הילף פון אבשר ודם, דיא התפעלות איז בייא מיר אזויא גרויס געווארען אז איך האב מיין אלטעצקע גענומען פארן האנד און מיר האבען אהיפשע ווילע געטאנצט, נאכדעם אז איך האב אפגעגעסען דיא זופ, האב איך מיט איהר נאך אמאל געטאנצט, און נאך דיא צימעס האבען מיר אדריטען מאל געטאנצט, אויב איך האב דערמיט געזינדיגט, ביטע איך פון מיין רבי'ן, איהר זאלט מיר געבען א תשובה, און וואס איהר וועט מיר באפעלען וועל איך אייך פאלגען, נור איין גאט ווייסט דעם אמת אז מיין כוונה איז געווען צוא לויבען און דאנקען גאט פאר דיא חסד וואס ער טהוט מיט מיר:

— גלויבט מיר — האט דער בעש"ט געזאגט צוא זיינע תלמידים — אז גאנץ פמליא של מעלה האבען געלאכט און געטאנצט וויא ער מיט זיין ווייב, דערפאר האב איך מיך אויך ניט געקאנט איינהאלטען פון לאכען אלע דרייא מאל:

קומט אַהער געהענטער ! – האָט רבּי ישׂראל בעש"ט געזאָגט צום אייניקעלדער מיט זיין ווייב – זאָגט מיר וואס ווילט איהר בעסער, ווערען פון היינט אָן רייך, לעבען אין עשירות און כבוד, אָדער האָבען אַזאָהן אויף אַייערע עלטערע יאָהרען ?

וויא לאַנג נאָך קענען מיר לעבען ? – האָבען זייא געענטפערט – מיר זיינען שוין ב"ה צוא אַכציג יאָהר אַלט, און מיר האָבען קיין מאָל ניט געהאַט אַקינד, וואָלט איך וועלען האָבען אַזאָהן :

– איבער אַיאָהר אין דער צייט – האָט דער בעש"ט געענטפערט – וועט איהר האָבען אַזאָהן, איך וועל קומען צוא אייך בענטשען אייער זאָהן און איך וועל זיין סנדק, איהר זאָלט איהם אַנאָמען געבען ישׂראל אַזויא וויא איך :

אַזויא איז געווען, איבער אַיאָהר האָט זיא געבאָרען אַזאָהן דאָס איז דער רב המגיד פון קאָזעניץ דער מחבּר פון „עבודת ישׂראל" וואס מיט איהם האָט געקלונגען אַגרויסע שטיק וועלט, ער איז געווען אַצדיק תּמים זיין זכות זאָל אונז ביישטיין אָמן ואָמן :

# כט) דיא שרעקליכע דין תּורה.

וואו הין פאָהרט איהר ? – האָט דער קרעטשמער געפרעגט – אפשר ווילט איהר דא בלייבען אויף שבת ?

– ניין – האָט רבּי ישׂראל בעש"ט געענטפערט – אויף שבת מוז איך קומען אין בערלין.

– איהר לאַכט פון מיר – האָט דער קרעטשמער געזאָגט – פון דאַנען ביז בערלין איז וויט הונדערט מייל און יעצט איז דאָנערשטאָג ביינאַכט, ווען איהר וואָלט געפלויגען אויף אַ נאָדלער וואָלט איהר אויך ניט קומען אין בערלין אויף שבת :

– מיין פערדעל – האָט רבּי ישׂראל בעש"ט געענטפערט – לויפט פיעל שנעלער וויא אַנאָדלער פליהט, איך מוז קומען אויף שבת אין בערלין, דען איך מוז זיין אויף אַחתונה ביי אַגרויסען גביר און עס דאַרף זיין אַשרעקליכע דין תּורה :

דער קרעטשמער האָט איהם אַנגעקוקט מיט גרויס פאַרוואונדערונג, נור ער האָט זיך געוואלט איבערצייגען זעהען מיט זיינע אויגען דעם גרויסען איבערנאַטירליכען וואונדער. דאַרום האָט ער געזאָגט צום בעש"ט, טהוט מיר אַטובה און נעהמט מיך מיט אין בערלין, דען איך האָב זייער נייטהיג דאָרטען צוא קומען :

– גוט – האָט רבּי ישׂראל געענטפערט – פאָהר מיט מיר, וועסט

דארטען

דארטען זעהען אגרויסע וואונדערליכע און אשרעקליכע דין תורה:

אויף מארגען, פרייטאג אין דער פריה האט רבי ישראל זיך געשטעלט דאווענען, עס געדויערט עטליכע שעה. דער נאך האט ער זיך געזעצט עסען, ער האט זיך גאר גיט געאיילט:

– איהר דארפט דאך פאהרען נאך הונדערט מייל – האט דער קרעטשמער געזאגט – ווארום פארברייננט איהר דא איבעריגע צייט:

– ניטט קשה – האט דער בעש"ט געענטפערט – מיר וועלען דארטען קומען אקוראד צוא דיא בעשטימטע צייט, רייידענדיג האט ער באפוילען זיין קוטשער ער זאל שפאנען זיין פערד:

רבי ישראל בעש"ט מיט דעם קרעטשמער האבען זיך געזעצט אין וואגין, דער בעש"ט האט זיין האנד ארויפגעלייגט הינטען אויף דעם פורמאן, עס האט געדויערט גישט מעהרער וויא אכטצעהן מינוטען זיינען זייא געקומען אין בערלין, און רבי ישראל איז אריינגעפאהרען אין אהאטעל גיט ווייט פון דיא חתונה:

אין שטאדט איז געווארען אגעשרייא אז בייא דעם גביר האט דיא כלה געחלשת און קיין דאקטער קאן איהר ניט אויף וועקען, זייא רעכענען איהר אזויא גוט וויא געשטארבען:

דער קרעטשמער וואס איז געקומען מיט דעם בעש"ט אין בערלין איז אהינגעלאפען צום גביר ער האט געפונען וויא דיא כלה ליגט וויא אגעשטארבינע און דער גביר געהט ארום אין זאלל הין און הער ברעכט מיט זיינע הענד, וויינט און קלאגט, האט דער קרעטשמער געזאגט איהם: איהר זאלט וויסען אז היינט בין איך געקומען אהער מיט אגרויסען בעל מופת, אין אכצעהן מינוט זיינען מיר אפגעפאהרען הונדערט מייל: פאלגט מיר שיקט איהם רופען וועט ער געווים ראטעווען אייער טאכטער, דען ער האט דאס בכח צו טהאן:

וויא דער גביר האט דאס דער הערט איז ער געלאפען צום בעש"ט, בייא איהם געבעטען רחמים ותחנונים, ער זאל געהען מיט איהם ראטעווען זיין געחלשטע טאכטער דיא כלה וואס דארף באלד געהען צוא דער חופה:

רבי ישראל בעש"ט איז מיט איהם געגאנגען ער האט אקוק געגעבען אויף דער כלה, האט ער געזאגט, שנעל טהוט איהר אן אין תכריכים און פירט איהר אוועק אויף דעם בית עולם, גראבט אויס אקבר און לייגט איר אין קבר, איך וועל דערבייא זיין, צווייא קרעפטיגע מענשען זאלען שטיין בייא דעם קבר, וויא זייא וועלען באמערקען אויף איהר פנים אפארענדערונג זאלען זייא איהר באלד ארויסכאפען פון קבר, פארגעסט ניט מיט צוא נעהמען איהרע חתונה קליידער איהר וועט איהר באלד נאכדעם אנטהון איהרע חופה קליידער און פיהרען מיט מזל צוא דער חופה:

דער

דער גביר האט אלץ געטהאן וויא רבי ישראל בעש"ט האט איהם בעפוילען, אגרויסע פובליקע זיינען מיט געגאנגען אויף דעם בית עולם. זעהען די וואונדער וואס רבי ישראל בעש"ט וועט ווייזען, זיא איז אין קבר געלעגען אפערטיל שעה, די גאנצע צייט האט רבי ישראל בעש"ט זיך אנגעלענט אויף זיין שטעקען אונ געקוקט אויף איהר, ער האט גערעדט מיט זיין טויל אזעלכע ווערטער וואס קיינער האט זייא ניט פארשטאנען, אין פופצעהן מינוט ארום האט די כלה בעקומען אפארב אין איהרע באקען, האט דער בעש"ט אוואונק געגעבען צוא די צוויא מענשען האבען זייא איהר ארויס געהאפט פון קבר אונ דער בעש"ט האט איהר אשטופ געטהאן אונ געזאגט: גייא שנעלער צוא דער חופה:

זייא האבען איהר באלד אויסגעטאן די תכריכים, אנגעצוינען די חופה קליידער אונ איהר אוועקגעפיהרט אהיים צוא דער חופה:

רבי ישראל בעש"ט האט מסדר קדושין געווען. וויא די כלה האט דערהערט זיין קול, האט זיא אויפגעהויבען דעם דעקטוך פון פנים. זיא האט אויף איהם אקוק געגעבען אונ אגעשרייא געטהון, אט דאס איז דער מענש וואס האט מיר מציל געווען פון טויט. רבי ישראל האט איהר בעפוילען זיא זאל שווייגען:

נאך דער חופה האט די כלה ערציילט די גאנצע מעשה וואס מיט איהר האט געטראפען: דער גביר איהר חתן האט געהאט אווייב. אז זיא איז קראנק געווארען האט זיא בייא איהם אונ בייא איהר די כלה גענומען אתקיעת כף דאס נאך איהר טויט טארין זייא ביידע ניט חתונה האבען, דען די כלה האט זיך אין דאס הויז ערצויגען אלעס פלימעניצע פון די גבירה, האט די גבירה ניט פארגונען איהר פלימעניצע מיט איהם חתונה צוא האבען. יעטצט אז זייא האבען עובר געווען דעם תקיעת כף האט די טויטע געוואלט הרגנען איר האבען זייא ביידע געהאט אדין תורה פאר דעם בעש"ט. אין יענער צייט וואס זיא איז געלעגען אין קבר, האט דער בעש"ט אויסגעהערט ביידענס טענות נאכדעם האט ער געפסקנת דאס דער גביר מיט זיין כלה האבען רעכט, דעם תקיעת כף האבען זייא איהר געגעבען נור איר צוא בערוהיגען אונ רבי ישראל בעש"ט האט אנגעשריען אויף די טויטע ווייבעל, ער האט צוא איר אזויא געזאגט: וואס האלטסט דוא אויף די כלה? זיא דארף געהען צוא דער חופה:

– יעטצט – האט די כלה געזאגט – אז איך האב געהערט וויא ער איז מסדר קדושין, האב איך זיין קול דערקאנט:

רבי ישראל בעש"ט האט דארטען געהאלטען שבת אונ באלד נאך שבת איז ער אוועקגעפאהרען, דער גביר אונ די גאנצע שטאדט האבען איהם גרויס כבוד געגעבען:

# ל) דער וואונדערליכער שטארבען.

עס איז געקומען די צייט וואס דער שו"ב האט בעדארפט שטארבען. ער איז פאר זיין הסתלקות געווען געזונד וויא אלע מאל, נור ער האט געוואוסט דעם טאג, דיא שעה און די רגע וואס ער דארף זיך געזעגנען מיט דער וועלט:

— הער צו — האט ער געזאגט צו זיין ווייב — געה שנעל אין שטאדט און זאג דיא נבאים פון חברה קדישא: זייא זאלען קומען צו מיר שטעהען בייא מיין יציאת הנפש. און זיי זאלען מיר אוועקפיהרען אין שטאדט אויף דעם בית הקברות. לויף וואס גיכער דען דיא צייט איז קורץ:

זיין ווייב האט געוואוסט אז ער איז א קדוש וטהור און א געטליכער מאן, אז ער זאגט מסתמא ווייסט ער וואס ער רעדט. האט זיא איהם געפאלגט און צופוס אוועקגעלאפען אין שטאדט געבראכט פון דארט גאנץ „חברה קדישא":

זייא זיינען געקומען צום שו"ב האבען זייא איהם ניט געפונען:

— וואו איז דער נפטר? — האבען זייא געפרעגט — ער וועט באלד קומען — האט דעם שו"ב'ס ווייב געענטפערט — ער האט מיר געשיקט אין שטאדט אייך מודיע זיין, אז ער דארף באלד שטארבען און אליין איז ער אויף אוויילינקע אוועקגעגאנגען:

— דוא בינסט משוגע און דיין מאן איז משוגע — האבען דיא שמשים יק געזאגט מיט כעס — דוא האסט אונז אפגענארט און מטריח געווען אומזאנסט צוא קומען פון שטאדט אהער, דיין מאן איז דאך געזונד:

וויא זייא האבען זיך אנגעהויבען שטארקער צוא בייזערן, איז דער שו"ב אריינגעקומען אין זיין האנד האט ער געהאלטען אביסעל שטרויא און זיין פנים איז געווען רויט וויא אפייער. דיא נבאים מיט דיא שמשים פון ח"ק האבען זיך ערשראקען אויף איהם אקוק צוא טהאן:

רבותי — ! — האט דער שו"ב געזאגט — כל ימי בין איך געווען אנסתר, איך האב מיר פאר מענשען ניט ארויסגעוויזען ווער איך בין און וואס איך טהוא יעצט איז געקומען דיא צייט וואס איך מוז אוועקגיין אויף דעם עולם האמת פערלאנג איך פון אייך דאס באלד נאך מיין הסתלקות, זאלט איהר בריינגען פון שטאדט א ערך הונדערט ת"ח מיט פאפיר, טינט און פעדערין און וויא לאנג איך וועל ליגען אויף דער ערד, איידער איהר וועט מיר אנטאן דיא תכריכים, זאלען דיא הונדערט מענשען אפשרייבען (קופירן) מיינע כתבים וועלכע ליגען פארשלאסען אין מיין קאסטען, נור אז איהר וועט באמערקען אפאר-ענדערונג אויף מיין פנים זאהלט איהר מעהר פון מיינע כתבים ניט קופירען:

מעהר האט ער מיט זייא ניט גערעדט, ער האט דיא ביסעל שטרויא אויסגעשפרייט אויף דער ערד, און זיך אויף זייא געלייגט, מיט זיינע ליפען

האט

האט ער גערעדט וואס קיינער האט ניט פארשטאנען, זיין פנים האט געשיינט וויא דיא ליכטיגע זונן אונ איז געשטארבען:

דיא נבאים האבען באלד געשיקט אמענשען אין שטאדט ער האט געבראכט הונדערט ת"ח מיט טינט פעדערען אונ פאפיער. זייא זיינען באלד געקומען זיך געזעטצט קופירען דיא כתבים וויא לאנג ער איז געלעגען אויף דער ערד, נאכדעם וויא זייא האבען פיל כתבים קופירט, האבען זייא באמערקט אויף זיין פנים אגרויסע פארענדערונג. אונ דער קאסטען וואו דיא כתבים זיינען געלעגען האט זיך פארשלאסען, האבען זייא דעם שו"ב מספיד געווען, אוועקגעפיהרט איהם אין שטאדט אונ מקבר געווען אויף דעם בעסטען אונד שענסטען ארט:

* * *

# תכן הענינים

(אינהאלטס פערצייכנים)


א) די הייליגע געדאנקען ... 3

א) ערשטער משל.
ג) צווייטער משל. 5

ד) דער דריטער משל. ... 6

ו) דער פינפטער משל.
ז) דער זעכסטער משל. ... 4
ח) דער זיבעטער משל.

ט) דער אכטער משל
י) דער ניינטער משל ... 8

יא) דער צעהנטער משל .. 9

יב) דער עלפטער משל.
יג) דער צוועלפטער משל ... 11

יד דער דרייצעהנטער משל
טו מעשה אונ מחשבה ... 12

טז) דער יצר הרע ... 13

יז) דיא הייליגע תפלה ... 14

יח) אלערלייא אופנים ... 15

17

כ) געגליכען צום בוים
כא) דער שטעלפארטרעטער ... 18

כב) דעם בעש"ט'ס דאווענען ... 20

כג) עליות נשמה ... 22

כד) דער בעש"ט פאהרט אין פוזנא . 24

כה) פארענטפערט אלע קשיות ... 37

כו) דער בעש"ט אין אהייל ... 37

כז) דער בעש"ט מאכט כשר אשעפס 38

כח) דעם בעש"ט'ס געלעכטער ... 40

כט) די שרעקליכע דין תורה ... 44

ל) דער וואונדערליכער שטארבען .. 47